לעצטן ביסן פון מויל אפגעשפארט,
געוואכט טאג־נ׳נאכט ביז אזוינס אויפגעבראכט;
ווי און ווינד, א מעשה זיך אנטון,
אצינד ווען פארלאשן ס׳איז מיין טראכט — —

פארהענגענדיק דעם שפיגל אויף דער וואנט,
אויסגיסנדיק דאס וואסער פאר דער טיר,
אנגעצונדן שוין דאס נשמה קנייטל
צעלאכט זיך משוגע די שפחה אין איר:

„היפלא מד׳ דבר״ — —
פאר הארענטע שרה אזוינס געפאסט!
אצינד ווען מיינס א קינד אומשטערבלעך ווערט — —
און הארץ אירס, צער־צעפלאטערט, הענגט האלב־מאסט.

ש.

יעקב גלאטשטיין

## די לעצטע שעה

פארשאלטן זאל זיין יענע ביינערדיקע האנט,
וואס האט מיר געוויזן מיין לעצטע שעה.
ווי א פארפוילטער איבר האט די שעה זיך געקרישלט אויף מינוטן,
ביז די לעצטע רגע האט געצונדן זיך גרוי און בלא
און באלד בין איך ניטא.

א קראנקע זון האט נעבעכדיק געלאסטשעט מיין געמיט,
מיט אפגעהאקטן אטעם האט דער זייגער מיינע רגעס טעמפ געציילט.
כ׳האב ארויפגעצויגן אויף מיינע גלידער מיין יום־טובדיקן קלייד.
צווישן מענטשן האב איך מיין קאפ געהאלטן שטאלץ
און א שטאלצער אפגעענטפערט אויף זייערע אונטערטעניקע רייד.

אבער קיינער האט ניט געוואוסט, אז אין די קאמערן פון מיין הארץ
בין איך א שטיקל שטויב וואס האט אנגעטאן, א שטייפן הוט,
א שטיקל שפינוועבס הפקר פאר יעדער ווירבל פונ׳ם ווינט,
א זינדער וואס פייניקט זיך אליין מיט א שווערער רוט,
און טרעט אויף זיך אליין און רייסט זיך פאסן פליש,
פאר זינד וועמענס אראמאט איז לאנג שוין אויסגעוועפט און ניטא.
ווייל ס׳האט די ביינערדיקע האנט מיר געוויזן מיין לעצטע שעה.

# לשון און לעבן


חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 3־1 (העפט 97־395) 33־סטער יאר יאנ.־פעב.־מערץ 1972, לאנדאן


אינהאלט


„פארט א ייד קיין ארץ ישראל״, דער וועג ארויף קיין ירושלים א. ב. ג. ירושלים ** 3
ר׳ אלטער וולאשטשעווער (א קאפיטל יוגנט זכרונות) ........ דר. י׳ מייטליס 24
הרב הגאון ר׳ שאול המכונה (פון דער סעריע יידישע טיפן פון אמאליקן
ווייטשעפל) ........ ח. נ. בענקוויטש 26
דער צווילינג (ליד) ........ רות באכנער 30
אילוזיעס, אילוזיעס (המשך) ........ א. נ. שטענצל 30
צו דעם פאלקס מענטש (ליד) ........ יוליאן טובים 30
אין זיך און פאר זיך (צום אנדענק פון יעקב גלאטשטיין ע״ה ש. י. גאלדשמידט 36
דער לערנער פון ליטע (ליד) ........ שמעון ווזעק 38
וועגן דר. שעפלער ........ אייזיק גאלדבערג 38
לאנדאנער קולטור ידיעות ........ 39
אין לייוויק־הויז—בית לייוויק ........ ש׳
דאס פייגעלע אין שטייגל (ליד) ........ הירש אשעראוויטש 40
מוזיק ........ מאיר באגדאנסקי


יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס — יעדן שבת 3 אזייגער אין בערנארד באראן־סעטלמענט, הענריקעס סטר. 33, א.1.


רעדאקטירט א. נ. שטענצל
פרייז 10 פענס

אבאנאמענט־פרייז:—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד:—8 דאלאר א יאר

מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע:
7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 7 *Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1.*

„בתחילה דורשין בזכותה של האכסניה:

צו דער קאנפערענץ האט זיך נאך צוגעטשעפעט דער קאנגרעס, און דער קאפ מישט זיך שוין ממש פון די דרשות און די דיסקוסיעס—דאס איז דאך נאך, מסתם, די גרויסע מעלה פון די דעמאקראטיעס און פון די פארליאמענטן . ׳ . רעדט מען זיך כאטש אראפ פונם הארצן, על־כל־פנים שרייט מען זיך אויס אביסל, אז די גאל זאל נישט פלאצן.

ס׳הילכט די בייטש איבערן קאפ. די לייצן פעסט אין די ידים. די פאראבקעס מאנדרעווען ארום די רעדער, ווייסע חברה כאפן זיך ארויף אויפן דראנזשיק, טרייבן אונטער מיט ווילדן געפייף און די קליאטשע שלעפט ווייטער, נעבעך, דעם וואגן— זי זאל נאר דערשלעפן!

פון דער קאנפערענץ וואו איך אליין האב מיך מיט־ארויפגעכאפט אויף דער עגלה׳ שיער נישט אויפן קאזשיאל, האב איך געמוזט אויסהאלטן דאס קוועטשעניש־ אבער אויפן קאנגרעס, וואו כ׳בין געזעסן אויף דער זשורנאליסטן־גאלעריע, האב איך מיך ארויסגעדרייט, אין זיבטן שווייס א געצווונגענער, פון דעם מבול פון רעדעס און געווארן א נעלם.

איך דערשלעפ מיך מיט מיין געפעק קיין תל־אביב און מיטן לעצטן ביסל כוח ממש אריינגעפאלן אין לייוויק־הויז, כדי נאך אריינצוכאפן א כזית יידישקייט אין ישראל—בייצוזיין ביי דער יובל־פייערונג לכבוד דעם זקן הסופרים, משה גראס־צימערמאן.

מאדנע, וואס איז אונזער מדינה, וואו יידיש איז נאך אלץ א לשון לועזית, האט דאס יידישע ווארטשפיל׳ אזוי אגיל־ואשמחדיק זיך צעשפילט מיט די חריפישע ווארטחידות אויפטועניש פון גראס־צימערמאן— איז עס נישט קיין סימן מובהק פון קליטה און זאפטיקע פארווארצלטקייט ?

אין דער גרויסער דיסקוסיע מכוח דער העגעמאניע פון יידיש: ווארשע—מאסקווע — ניו־יארק, איז תל־אביב דווקא דער מכריע ביניהם.

טראץ דער דיסקרימינאציע אויף יידיש אי זיידיש איצט אין ישראל דער „אבן מאסו הבונים היתה לראש פינה״: א צענדליק יידישע פארלאגן, א פערטליאר וואניקע שריפט פאר ליטעראטור, זשורנאלן, א מעכטיק־קעמפערישע טאג־צייטונג.

ווי קינדיש פון קולטור־פאליטיקער ארויפצואצווינגען אויף דער שטאלצער איינציקער יִדישער טאג־צייטונג א העבראישע ביילאגע —

עס ווילט זיך מאכן א פארגלייך צו אזא מין האנדלונג! אבער איבער אפאר שוטים דארט גיין מוציא לעז זיין אויף דער יידישער מדינה ?. . .

אריינקומענדיק אין לייוויק־הויז און דערזעענדיק דעם קבוץ־גליות פון יידישע פאעטן און פראזאאיקער, עסייאיסטן און זשורנאליסטן פון דער גארער וועלט, פון הינטער דעם אייזערנעם פארהאנג, פון אונטער די וואלקן־קראצערס און נישט נאר וואס זיי האבן אין אן אייגן לאנד דא געפונען די ערד אונטער די פיס׳ נאר אויך פארלאגן און זשורנאלן און צייטונגען, וואו זייערע זאכן צו דרוקן; פארגעסט מען שוין יעדע עוולה, וואס מ׳איז באגאנגען און מ׳באגייט נאך לגבי יידיש.

עס וואלט זיך געוואלט דערמאנען יעדן איינציקן פון די, וואס האבן אויסגעקעמפט דאס וואס איז דא, די צייטונגען, די זשורנאלן און די פריש־געקומענע, וואס פילן אויס מיט זייערע שאפונגען די אלע אויסגאבעס׳

אבער מיין ארטיקעלע איז צו קליין זיי אלע ביי די גרויסע נעמען אנצורופן.

און טאמער פארגעסט מען וועמען ?

און נאך עפעס: עס ווילט זיך אויך מלוכה־פירער, קולטור־מנהיגים, ביי די נעמען אנצורופן.—

ווארום וואלט נישט געווען די יידישע מדינה, ווי נישט איז, א פארלאמענ־ישט מעגלעך געווען — שוין דאס קענען דערשיינען פון צאנינס „דעקאדענץ פון א משיח״ איז א שטיקל סימן, אז מיר לעבן אין משיח׳ס צייטן ׳ . .

מיר מוזן זי דערגיין די פאפירענע בריק, וי טאר נישט איינפאלן.

* * *

עיקר שכחתי: האט דאך דאס יידישע טעאטער דא געפונען זיין „עמך״! און די קאנצערט־זינגערס פון יידישן ליד — זייער געטרייען עולם.

אז ווי וואלט די יידישע מדינה זיך ווייטער געבויט אן „עמך״? ווי וואלטן די נייע עולים אויסגעהאלטן אן דעם יידישן פאלקליד און טעאטער־ליד ?—

עס איז דאך פאר זיי אצינד ווי די הארא אמאל פאר די חלוצים.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 1־3 (העפט 97־395) 33־סטער יאר יאנ.־פעב.־מערץ 1972׳ לאנדאן

## „פארט א ייד קיין ארץ־ישראל״

אז א ייד איז געפארן קיין ארץ־ישראל,
איז דאס גאנצע שטעטל געווען פול געזאנגען;
פיל מיט יידיש בלוט זיינען געווען די געסלעך
ווען פילגרימס קיין ירושלים געגאנגען.

איךפאר אהין תהלימדיק מתפלל צו זיין:
ברידערלעך די מענטשן די העגט זיך דערלאנגען.

ווו וועל איך עס אויסבעטן, ביי דער כותל־וואנט,
ביי דער מאמע רחלס קבר, ביי די שטיינער ?
יא, ביי מענטשן מ׳קאן דאך נאר בעטן כלי־זיין
זיך צו באוואפענען ביז איבער די ציינער;

אייסקיילעגען צו קענען איינער דעם צווייטן
ביזגל נישט איבריק בלייבן ס׳זאל שוין קיינער.

אז וואס מישטיינסגעזאגט לעבן און וואס שוין טויט ?
ס׳לעבט דאך דער נאר וואס איז פאר עפעס געשטארבן!
וואס מיינט דען הערשער, העלד און צומאל הייליקער,
דער וואס זיך אדער יענעם ברענגט פאר א קרבן — —

דאס גרעסטע, ס׳שטארקסטע אין טאג־טעגלעכן לעבן,
ס׳ווערט דאך וואכעדיק און מוז ווערן פארדארבן.

די פילגרימס קיין ירושלים געגאנגען,
מיט די קאסעס האבן זיי געשחטן יידן;
די וועלט אין א פייער אצינד אנצוצינדן
לייערן מומיעס אונטער די פיראמידן.

גאט, העלף דאך דיינע קינדער ציענדיק קיין ישראל
אין קאסעס און שערפן די שווערדן אויסצושמידן —

אז עס פארט א ייד אפ קיין ארץ־ישראל,
גייט זיין סמוטנע הארץ אין אים א מצווה־טענצל;

מיט איין האנט קושט ער די מזוזה פון זיין טיר,
אין דער צווייטער — א תהלימל אין זיין רענצל.

און ווען ער קומט צו צו דער כותל־מערבי,
לעצט טרערל נאך אין אויג טוט פרידיק א גלענצל.

## אל - על

משמעות ס׳איז אמת, אז אין הימל
זיינען מלאכים טאקע פאראנען;
געפלויגן איך בין איבער די וואלקן,
געזען די פוסטריט פון זייער שפאנען.

זיי אליין צו זען נישט זוכה געווען,
אבער פון זייערע שריט די צייכן,
ווי אין פריש־געפאלענעם שניי־געשיט
אין זילבער ווייסן, פוכיק ווייכן.

און העכער אלץ העכער הייבן זיך בערג
ביזגל הימל אריין זיי דערגרייכן;
עולים ויורדים אויף יעקבס לייטער
חלומות אויפלייכטן און פארבלייכן —

דאס געפלאטער פון זייערע פליגלען
אין מיינע אויערן נאך געקלונגען;
זייער „קדוש קדוש קדוש״־געזאנג
ווי הילכיק אין מיין הארץ מיטגעזונגען.

יא, מילי־מילאסן מוזן זיי זיין,
גאנצע שעהן בין איך דאך געפלויגן;
קיין סוף, קיין ענד ס׳האט נישט גענומען,
די שליאדעס זיך געצויגן, געצויגן.

איינס א מלאכל א גאר יונגיטשקס נאך
נישט נאר זיינע טריט — געזען דאך אינגאנצן!
אן אל־על סטיוארדעס, א סאברעלע,
כאטש עס איינצולאדענען צום טאנצן —

מיר קומען דאך אן אין ארץ־ישראל,
קול ששון, קול שמחה פילן די גאסן;
חסידים ריקודים, חלוצים־טענץ — —
ווארט א רגע, מען מוז גוט אויפפאסן:



שטייט דען נישט געשריבן, אז מלאכים
זיי קענען נאר לשון־קודש רײדן ?. . .
אפנים טאקע אויבן אין הימל
זיינען דא מלאכים, אבער . . סיידן . .

## לוד ערראדראם

. . . אראפ פאלסט, ליכטיק צעהילכטן תהום,
גייסט נישט, שוועבסט נאך, פרייד צעציטערט אינגאנצן;
גליטשט זיך אויף א חתונה־זאל פארקעט,
א מצווה־טענצל, הויראס אויפצוטאנצן.

אין מיטן קאראהאד — ארום צאל־טיש,
צעפראלן זיך רענצלעך און רייזע־טאשן,
דעם ערשטן לחיים אויסצוטרינקן,
ארויסצונעמען פולע משקה־פלאשן.

לויפן אן פרישע גרוזינער יאטלעך,
איבער די אויגן די גרויסע קאשקעטן,
און זיי קלאפן פריילעך מיט די צינגלעך —
פא רוסקעמו צו, ווי מיט קאשטאנעטן.

„ברוכים הבאים״! „ברוכים הבאים״!
מיר צו זיי, זיי גאר צו אונז ? ווער צו וועמען ?
און שוין שטרעקט איינער זיינע הענט פלינק אויס,
די שווערע רייזע טאשן פלינק צו נעמען.

יא, ער האט נישט אויף זיין שטארקן ארעם,
יענע קאצעט־נומערן, איינגעברענטע — —
אזא פרייד, אזא ששון ושמחה,
נאר די אויגן מיינע, טרערן פארבלענדטע —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

## תל - אביב

„מה טובו אהליך יעקב״,
צומאל א בלעם דיך דערבליקן,
דאס בייזע, פארשאלטענע הארץ זיינס
באקומען א געבענטשן תיקון.

זע, פונם מינדסטן הייזעלע דא
ביז די הימלקראצער־פלאצן,

יידן געמאכט — זיין הארץ פול מיט ברכות
אדער פאר צרות געמוזט פלאצן.

אויבן די פלינקע עראפלאנען,
אונטן די פול־געפאקטע באסעס;
ווי ס׳קאכט, ווי ס׳זידט — ס׳איבערגייט
פול מיט פרייד, מיט ארבעט — גיי האס עס.

אותיות מרובעות — שטעט צעבויט!
אז וואס זיינען אזעלכע הייזער?
ערגסטער רשע קאן הען לייקענען,
אז פארהאן עס איז א דערלייזער?

וויסטער זאמד, מדבר, ימים־געברויז,
א ברענענדיקע זון פון אויבן,
און זע ווי וואונדערלעך, ווי פרעכטיק — —
ווער אזוינס געקענט האפן, גלויבן?

נישט דורך ברילן שווארצע, בלוי־ווייסע —
פרייד־קוואלן צעפונקלטע טרערן!
נאך דעם וואס געשען עס איז מיט אונז
דאס מעגלעך געווען, געקענט ווערן?

אודאס ערשט אין אנהויב, אינמיטן
אינם בראשיתדיקן ווערן — —
אזא ברכה — א יד ד׳,
שטארקסטער שונא קאן׳ס נישט צעשטערן.

## א דעפעשע קיין לאנדאן

דא איז א יעדער זיכער,
יא, מ׳שטייט דא אויף בײדע פיס;
דא ווערט דאס שוואכסטע יידעלע
א שמשון־הגבור, א ריז.

אט האט איר אזא ווי איך בין,
אויף ערד דא דעם פוס נאר געשטעלט,
וואס מיר ציטער, וואס מיר מורא — —
געווארן כ׳בין א גאנצער העלד.

היינט פלי איך צום גולן ארויף,
צום סועץ־קאנאל מארגן פרי;
א שמשון־הגבור, א ריז
ס׳איז איצט דער שוואכסטער ייד דא הי.



ציטערט נישט אזוי פאר ישראל,
ציטערט בעסער דארטן פאר אייך;
איין שמע ישראל און פון אייער
יידישקייט ס׳לאזט זיך אויס א טייך.

## דער וועג ארויף קיין ירושלים

א.

ווי איז דאס מעגלעך אזויפיל שטיינער,
חלילה־וחס, גאט אונז פארשטייניקט?
אין גלות גליאיק, נאכגעווארפענע,
כשר־שטיינער, צו ווערן גערייניקט?

יא, מיט יעדן איצט אויפגעבויטן הויז
ווערן מיר צוריק הייליק פאריייניקט.

ווער האט די שטיינער געהאקט, געטעסעט?
א. ד. גארדאן, יוסף חיים ברענער;
ווי דימענטן זיי געשליפן, „געקליווט“,
פון אזא הויז וואס קאן שוין זיין שענער?

דעם חושן, גאט אליין וועט אים טראגן,
די וועלט דערלייזן קומען, ווען ער — —

מיר מענטשן, קענען מיר זי דערלייזן?
אז הארטער ווי שטיינער הערצער זיינען!
אסך שטארקער ווי די גרעסטע ליבשאפט
טוט דאך די רציחה אונז פאריינען.

א שטיין מיט מים חיים זיך צעקוועלט,
טויזנט זונען טוען זיך צעשיינען.

ב

א געץ קאן מען ארויסהאקן פון א שטיין,
אבער א גאט, דעם איין־און־איינציקן איין?
אין יעדן פיצל ר׳איז, אין שטויבעלע שטויב,
עין־בעין צו זען — דורך באהויכטער שויב.

פאלט מען צו צו דער כותל־מערבי וואנט,
מען באריירט זי מיט די ליפן, מיט א האנט —
א גליאיקע טרער פאלט אריין אין א שפאלט,
שפירסט ווי גאט אליין דיינע אין זיינע האלט.

פארוואס דווקא ביי דער כותל, דייקא דארט,
איז דאך גאט דא אומעטום, אין יעדן ארט?

ווייל דא האט אברהם עס דערפילט — אנטדעקט
ווען מיט זיין זונס בלוט דעם שטיין נישט מער באפלעקט.

א געץ קאן מען ארויסהאקן פון א שטיין,
אן אפגאט א מענטש צומאל ווערן אליין!
גאט רוט אין אונז ווען ליבשאפט האלט אונז צוזאם,
ווי ברעג־שטויבעלעך ארום ברויזיקן ים.

צוויי טויזנט יאר אויפן בראך־שטול,
און אין אזוי פיל בלוט אפגעגאנגען — —
אין „על־האבנים"*־ווייען,
שיר—־המעלותן איפגעהאנגען.

„אל ההרים אשא עין" —
זע עקרות טראגנדיק ווערן;
„ויעש להם בתים"** — אין די הייזער
קול ששון ושמחה צו הערן —

א כלה ארום א חתן,
דיר ארום—עיר־ירושלים.
דער בלויער הימל— די חופה,
די זון — הער כוס וויין צום לחיים.

און צי בין איך נישט דער בדחן,
צו באזינגעןביים אונטערפירן?
גלעקל־קלינגנדיקע גראמען,
פולן אן מיין הארץ, מיין געהירן.

## ירושלים

אויפן הר־המוריה, וואו אברהם
יצחקן געפירט א קרבן שחטן;
וואו די נביאים עין־בעין
דערזען דעם אייביק־עכטן גערעכטן —

אויבן אין עיר־דויד, אויף הר־ציון
זינגען כ'זאל לידער, גראמען פלעכטן?

אין ירושלים, אין שלמהס שטאט,
וואו שיר־השירים ער געזונגען —
וואו די ליבשאפט א גין־גאלדענער גלאק
איבער דער גארער וועלט זיך צעקלונגען?

---

* שמות א, טז. ** שמות א, כא.



וואס פאר א ליד קאן שוין ארויסקומען,
ווי וואויל, ווי גוט צומאל נישט געלונגען?

שטייענדיק ביי דער כותל־מערבי,
איך בין זוכה מיין מויל צוצולייגן,
מיין שטערן צו די הייליקע שטיינער,
שטילינק צו שטיין פאר זיי און צו שווייגן — —

ווי די זון ביי פארגיין, רויטלענדיק זיך,
מיין קאפ איך טו הכנעהדיק נייגן.

## מיין „קוויטל" אין דער כותל

עס איז דער חותם פון גאט דאס ווארט אמת,
און דער סימן פונם שקר די שלאנג;
און דאס געוויקל פון איין מענטש צום צווייטן,
געציש צווישן געגארגל און געזאנג.

ווי ארום זיין שטעקן דער כשוף־מאכער —
ארום מטה־משה שלאנג זיך געדרייט
אזוי ווילן מיר מיט ווערטער באשווערן — —
שפין־געוועב — גערדאנק און געפיל אין רייד.

צום הארץ מיר שעפטשען, מיר פליסטערן צום מוח,
ריטם ציטער אין יעדן אונזער גליד;
ווען ס'געלינגט אין עכטן איינס אונז צו פארפלעכטן,
אין איין אמת־אחד — איז עס א ליד.

עס איז דער חותם פון גאט דאס ווארט אמת,
און דער סימן פונם שקר — די שלאנג!
פונם ערשטן מענטשן־קינד מיטן נחש שוין,
דער געראנגל — איין גאט ווייסט נאך ווי לאנג.

ווי געשפאלטן ס'איז דער מענטש — פון זיינע ציין,
געקרישל־געציש פון לאכן און געוויין;
אין שפאלט דא פין שטומען שטיין כ'וויקל אריין,
נישט א געשריבן „קוויטל" — מיך אליין.

## זון - אויפגיי איבער ירושלים

זוכה זיין זען זון־אויפגיי איבער ירושלים,
זע, דיינע קינדער, מאמע רחל, זיינען אויסגעליזטע;
גאטס פינקלדיקע בליקן פון אלע ווינקלען און עקן
קיקן אויף דיר און דו זוכסט דיך וואו צו באהאלטן —

פונבארג צו בארג, פון הייל צו הייל לויפן דיינע אויגן,
און בלייבסט רוען אין דיין הארץ — צווישן פעלזן־שפאלטן.
א פייגעלע פון זיין נעסטל קוקסטו ארויס פון דיר
אין דעם געזאנג ארום דיר, דעם געטלעך־צעשאלטן.

שטיל דו בלייבסט, תכלתדיק איינגעהילט אין בלויען ארום,
ווי געוואלטיק ס'רייסן זיך נישט פון דיר געוואלטן — —
אשרי האיש, ווי וואויל איז דעם מענטש אין אזא רגע
אין דער אייביקייט ממעמקים באהאלטן!

## מאמע רחלס קבר

ואני, און איך קום נישט איצט אויף דיין קבר וויינען.
דיינע קינדער, מאמע רחל, זיינען שוין אויסגעליזטע;
וואלטסט נאר געגעבן א קוק אויף דער רחוב דיזענגאף,
ערשט אין די האטעלן די טוריסטן די צוגערייזטע.

יא, מיינע אויגן זיינען פולע מיט טרערן — פרייד־טרערן!
אויף דיין קבר אויסצופערלען א טרערל נאך א טרערל;
זיבן שנירלעך דיר אויפצוציען, מאמע רחל,
נישט פון געמאכטע, פון קונציקע — פון עכטע פערל.

א רעגנבויגן קאלירן צניעותדיק אין זיי שפילן,
שרה בת־טובים אין איר הארץ תחינהדיק זיי געטראגן;
פון טיפענישן ארויסגעשניטן — צום צייכן:
דיינע קינדער אין גלות מ'וועט מער נישט טרייבן און יאגן.

## אין די ענגע מאה־שערים געסלעך

צוריק גיי איך דורך די ענגע מאה־שערים געסלעך,
זע איך נישט מיין טאטן ארויסגיין פון אלע טויערן?
בלויז וואס קוקט ער אויף מיר מיט אזא בייזן און שטרענגן בליק,
ער וואלט אויף מיר, זייך לעצט־געבליבענעם זון, טרויערן.

— „טאטע מיינער, מיין יעדער טראט איצט, איך דאך צו דיר צוריק.
עס וועט דאך שוין נישט נעמען מער לאנג, נישט לאנג מער דויערן;
אבער דאס־א צו זען דעם ארום — דעם הר צופים,
דעם הר ציון, דאך כדאי געווען צו ווערן געבוירן".

ראפטים אונטער אונטער מיר כ'הער מאמעס האפערדיק געשעפטש:
„מיין קינד, מילא בארד און פאות גאנץ גאר אפגעשוירן,
בלויז אז אויף דיינע כשרע ליפן ס'יידישע ווארט
וועסט דו נאך אלץ צוריק געפינען, איז גאר נישט פארלוירן".



## דער שוק אין דער עיר־העתיקה

אז כ'האב אנגעקוקט אזא אראבערל,
ווי עס זיצט זיך ביי זיין יארמארק־געשטעל,
צופט די גאמבע און מירמלט קאראן־פסקים,
אין די אויגן מיר געווארן ליכטיק העל:

וואסער כא־ל רחום וחנון דו ביזט דאס,
ווי ריכטיק און ווייל איינגעשטעלט דיין וועלט;
ווי זאגט זיך עס אין מאמע־לשון: „איינעם
גיסט דו דעם בייטל, דעם צווייטן דאס געלט".

וואס נעבעך פון זיי אלעמען געווארן,
אין די מוסלעם־מדינות דא ארום?
אן זייערע שטראמיק פעטראל־קוואלן,
כאטש לייג דיך שטום אנידער און פארקום.

אזוי אבער זיצן זיי זיך ביים צאפן
די מיליאן פליסן אין טאש אריין,
און דא? ווען מיר נעמען זיי נישט איין,
זיי וואלטן דאך געפעכגיעט אויף די ציין.

פליגן־געזשים ארום די טראכים אויגן,
דאס בלעכענע פושקעלע ביי די פיס — —
עס חלומט זיך פון א הארעם א פולן,
יעדער קלונג אין פושקע — ווי צוקער זיס.

אז כ'האב אנגעקוקט אזא אראבערל
און ווי פארביסן מיר ביידע געפילט,
ווי געציטערט אין מיין האנט די מטבע,
ס'האט דער האס אין אונז ביידע זיך געקילט —

„כי טוב כלב החי מארי' המת"!
בעסער אזא מיט האס צווישן די ציין,
ווי מיט א מעסער, א בלוט טריפנדיקס
דיין לעבער פרעסן, איבער דיר זאל שטיין.

## „פסוק לי פסוקך"

— גיטין נ"ה —

מ'זעט אונזערע יינגלעך ווי זיי שטייען גרייט,
אן מינדסטן ציטער, אן יעטוועדער שרעק:
געלאדענעם „עוזי" אין האנט צו כאפן,
אויף פלייצעס פול געפאקטע רוקזעק.

ווייסט מען עס וועט שלום זיין אין ישראל
ווי אינם פסוק בפירוש עס שטייט,
„ד׳ עוז לעמו יתן“ — אז אזוי
אנגעגורט און אנגעלאדן מען שטייט —

פרעגט מען זיי שוין נישט דעמלט „פסוק לי פסוקך“,
מ׳זעט דאך אים פאר אויגן בפירוש שטיין —
„ד׳ יברך את עמו בשלום“ — —
מ׳שטייט אזוי גרייט — אין שלאכט מ׳דארף שוין נישט גיין.

## מלחמה חלילה

פון קירא ביז תל־אביב א קאצנשפרונג,
צה״ל א פייל פון א בויגן אזוי פלינק —
אויפבויען אזוי שווער, צעשטערן ווי גרינג.

פון מאסקאווע ביז ניו־יארק — אן אטאם־שפאלט,
אונזער ערדל א קארטן־הייזל צעפאלט!
דאס בלוטיקע שפיל ווי די וועלט אזוי אלט.

און אויב ס׳מענטשל איז טאקע אזוי ווי ס׳איז,
א קארליק וואס וויל רק זיין דער גרויסער ריז,
טא וואס שוין דא אסך צו פארלירן — „פליז“.

„יושב בשמים ישחק“! אך און ווי,
צו אזא שפיל פון קארטן הייזלעך, אויפסניי
אויפצובויען אזא שווינדלדיק געדריי —

בין־השמשות — זון־פארגיי אויף כותל פאלט,
די שכינה איר צער, ווי די וועלט אזוי אלט,
דעם טרערן־מבול געפלייץ קוים צו איינהאלטן:

ס׳וועט דאך אצינד פון דיר קיין שטיין אויף א שטיין,
חלילה, נישט איבערבלייבן“ — — און איר געוויין,
טויי־געגלאנץ אויף דער וואנט אין באגינען־שיין.

## „ י ד  ו ש ם “

אז ווער ברויך א יידיש ווארט אין „יד ושם“?
אונטער איין פה־נטמן די גאנצע דיאספארע?
און די צדקה תציל ממות פושקע,
ווי זי איז דאס צעקלינגען — קיין עין הרע!

כ׳האב הערזען די זעקס רעריקע מנורה,
האבן זיך מיינע אויגן שנעל געשלאסן,



דערזען אדהענואערן צינדן די ליכט!—
נישט טרערן — מיט צארן זיך אנגעגאסן.

## קאנצלער בראנד...

איצט ערשט, ער וועט קומען אין הייליקן לאנד,
ווי דער מלוכה־גאסט געהויכט און געערט,
ר׳וועט זיך מסתם ווארפן, נישט נאר אויף די קני —
אויף אלע פיר און קושן די ישראל־ערד!

פון יד ושם אין מערת־השואה,
משיחיש ארויפרייטן אויף א ווייסן פערד;
פאראויס די שילומים־פושקע הויך קלינגען:
הערט, זעט, פאר דויטש־געלד ישראל אויפגעבויט ווערט.

און וואלט נישט דויטשלאנד די זעקס מיליאן יידן,
די טויזנטער שטעטלעך פארטיליקט, צעשטערט,
גלות־יידן געבליבן — איצט א היימאט,
אן ארמיי, צום פעלקער־בונד ישראל געהערט.

אויפגעשפילט: „דויטשלאנד, דויטשלאנד איבער אלעס“!
אז אזוינס עס איז געוועזן אונד באשערט — —
צי איז נישט ווילהעלם נאך ירושלים,
שוין אריינגעריטן אויף א ווייסן פערד?

## דער אייביקער ייד

זעקס מיליאנען יידן פארטיליקט געווארן?
וועלן אזויפיל אין מלכות ישראל לעבן!
די דיאספארע זאל כאטש אזוי לאנג אויסהאלטן,
ס׳נייטיק ביסל מינץ פארן אויפבוי צו געבן.

א, אויב אזוי, בלייבט דער גלות־ייד אומשטערבלעך:
אויסטרוקענען ס׳וועלן די וועלן פון ירדן,
און פון די יידן, פארפלאנצטע אין די תפוצות,
מ׳וועלן אלץ פליסן די נויטיקע מיליארדן.

## אויב נישט נאך העכער

1

מיט די שטיינער מילטערלעך, מיט צעמענט,
אויף די רישטאוואניעס ווי זיי לויפן;
ס׳איז צו דערקענען ס׳זענען אראבער,
אין גאנג, אין יאג, אין שפרונג — גאנצער אופן!

כ׳לוג, כ׳גלאָץ, ווי ס׳שווינדלט מיר פאַר די אויגן,
שוין דער צענטער שטאָק — אויב נישט נאָך העכער,
כ׳האָב בלויז מורא, ווען ס׳וועט האַלטן ביים דאַך,
נישט זיין מער צומאָל אַ יידישער בלעכער.

2

ווער ס׳עט וווינען אין די „דעפּאַרטמענטן״?
נישט די וועלכע האָבן זיי אויפגעבויט;
נישט ווייל זיי זיינען קיין יידן — חלילה!
פון גראָבע אַרבעט סטייעט קוים אויף ברויט.

אין גלות־נויט געחלומט האָבן מיר,
יעדער חלוק אויפהערן ס׳וועט אַמאָל — —
אָבער אַז ממש שוין ׳ככל הגוים׳,
אַן אייגענע מלוכה, מדינת ישראל.

## אין די הויכע פענסטער

נאַקעט און באָרוועס די אינטער געסלעך,
און אין די הויכע פענסטער — סטריפּטיז!
אַ קליינינקייט, אויפגעטורעמט אַ שטאָט,
האָלעוווד ממש — אַ קלײן פּאַריז!

הענטלעך און פיסלעך, קינדערלעך כאָטש צען,
אויסגעבעט אויף אַ שעניק פון שטרוי;
זייך הימליש בלוייער פלעט — הונדערט טויזנט,
און איר בודואַר צוויי מאָל אַזוי.

אַ בבל־טורעם חלילה וחס,
אַז ווייטער אַזוי ס׳וועט ווייטער גיין;
ס׳געוועך נישט די מדינה צו באַשיצן,
פאַר דער אייגענער גאַס גאָר ס׳וועט זיין.

## אַ נס וואָס נאָך אַ שטיקעלע גלות

אַ מלוכה ווי אַלע מלוכות,
אַ דעמאָקראַטיע מיטן גאַנצן קנאַק!
פּאָליציאַנטן שטעקענער באַוואָפנט
און חזק חזק ונתחזק.

פול באַזעצט שוין דער זאַאל, די גאַלעריע,
דער פּרעזידענטן־טיש — מיניסטער־קעפּ רק;
ס׳געדריי טונקל הינטער די קוליסן,
און אַנגעצויגענער זייגער — טיק־טאַק.



קיילעכדיקע הערדעס שיטן זיך
ווי אַרבעס פון אַ צעריסענעם זאַק;
יעדעס וואָרט אַ זיידענע הענטשקע,
אַ דיפּלאָמאַט אין געפּאַסטן פראַק.

זאַאל מיט יידן — אַ רגע פאַרן זידן —
אין פאַרענדיקן טשיינִיק אַרייַן האַק!
אַ נס וואָס נאָך דאָ אַ שטיקל גלות
און שליחים מ׳קאָן שיקן — יאַק מאַק.

פ.ס.
דאָס איז, חלילה, קיין פאָטאָגראַפיע —
דער נעגאַטיוו, פינסטער אינם „קאָדאַק״!
געהעריק רעטושירט ער וועט ווערן,
אַ מחיה אַנצוקוקן — ווי געשמאַק.

## אויב?...

די לעצטע מינוט ס׳איז, נאָך איין רגע,
און אינגאַנצן מיר וועלן אויפהערן,
אויב נישט אַצינד די גאולה שלימה —
דעם שופר של משיח שוין דערהערן!

אַ שמעק פולווערן ס׳גאַנצע לעבן ווערט איז,
אויב אַלץ מיג־מיראַזש פאַנטאָם געוואָרן;
זיינען די ווערטער פון די נביאים געווען,
אַז אויך ס׳שעפּעלע אַ וואָלף וועט ווערן?

אויב דאָס מיינט נאָך הונדערט דורות גלות
אין אייגנעם לאַנד צוריקצוקערן?
פאַרשטיי איך דעם „יתי ולא אחמיניה״,*
פאַרגיסט זיך מיין בליק מיט זיד פון טרערן.

אויב צומאָל גלות־גיין מיינט בלויז לײדן,
נישט אויסגעשליידערט און הייליק ווערן —
איידער וואָלף צו זיין דאָך בעסער מסתם,
שעפּעלע צום שעכטן און צום שערן.

ב.

די רייד פון אַ נביא אַרויסגעזאָגט,
ווען ער שעלט, ווען פאַראויס שוין ער באַקלאָגט,
ערשט ער זינגט ס׳ליד פון קומענדיקער צייט,
לייב־ און וואָרהאַפטיק ווערן זיינע רייד —

ס׳וואַרט מיטן ביסען פון מויל אָפּגעשפּאַרט,
אין בלוט־געזיד געטובלט און געקלאָרט;
פאַרחלשט האָרץ שוין וואַכט אויף — פרייד געשטוין,
פאַרחושכטער מוח ליכטיקט אויף — חזון !

ס׳גייט אויף אַ זוימען פאַרזייט אין דער ערד,
דאָס אַדערדיקע וואָרט מקוים ווערט —
זע, ווי דער מדבר דאָ אויפגעבליט האָט,
און ווי געהויכט דאָס פאָלק אַזוי אַזוי פאַרשפּאָט —

צי מיר האָבן געוואָלט, צי צומאָל נישט,
איב נישט צו ווערן איצט גאַנץ אָפּגעווישט — — —
און נישט נאָר בלויז אין אונז יידן עס גייט !
קץ מיין סוף, אָדער גאולה עס באַטייט.

## ס׳איז אונז געלונגען

פון די צוועלף שבטים איין פאָלק צו מאַכן,
עס איז אונז דעמלט נישט געלונגען;
אָבער אַן עם־הספר, ווען שלמה,
זיין שיר־השירים אויסגעזונגען.

די האַרף אויפגעהאַנגען אויף די ביימער,
ווען אין גלות אַריין געגאַנגען — —
מיט אונזער פאָלקס־ליד צוריק מיר קומען —
ס׳געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען !

זינגער־מאַשין ווי האָט זי געזונגען,
טאַקיי צוגעקלאַפּט שוסטער העמערל;
און ווען דער בלעכער מיט שינדלען געדעקט,
דעכל פון אָרעמסטן קרעמעל —

אַלע פייגעלעך איבערן שטעטל,
די לידער מיט אים מיטגעזונגען !
איין פאָלק פון אַלע יידן צו מאַכן
מאַמע־לשון־ליד ס׳איז געלונגען.

## ת א ח ז י

פון תלמוד בבלי צום ירושלמי,
וואָס אייגנטלעך דער אונטערשיד ?
רבי יוחנן אַ ישראלי,
און רב אַשי אַ גלות־ייד ?



דער „תא שמע״! און דער „תא חזי״!
דער גאַנצער חילוק דאָס־אַ איז:
קום און הער, ס׳דערגיין „אין גלות־גיין״ — —
קום אַהער און שווייג און זע — ביז !

זוהריש־משיג דעם „תא חזי״
און דו קומסט צו העכסטן פאַרשטאַנד :
ריידן טאַקע זילבער, שווייגן גאָלד,
זען אָבער — בליציקסטער בריליאַנט.

## דער שיר - המעלות - ניגון

די בתי־מדרשים איך האָב געזען,
צוזאַם מיט די עולים אויפגעגאַנגענע,
הכל בכל מכל — מיט די כיורס,
העגנגלייכטערס אין סופיטן געהאַנגענע.

וואַקלדיק שאַקלדיק די טישן שוין,
רביש אַהער „געפירט״ מיט דבקות־ניגון;
„תפילה־לעני כי יעטוף״־חדוה —
די ערד אונטער די פיס זיך געטון וויגן !

געהערט אַ בעל־עגלה — בייטש־צעקנאַלט,
דעם שיר־המעלות פאַרן בענטשן זינגען —
דער צעשטערנטער הימל אין פענסטער,
אַ פייקל אַלע זיינע גלעקלעך קלינגען.

אַ פראָסטער פאַרמאַן געווען אין שטעטל,
דאָ טרייבט ער אַן מיטן „מרכבה״־וואָגן —
„אז ימלא שחוק פינו״, אַז עמך
מיט אַזאַ פרייד־פאַרטייטש פסוקים קאָן זאָגן.

## „דוד מלך ישראל חי וקים״

פאַר מיין טאַטנס אור־אייניקל הרב שלמה שטענצל שליט״א

ווער קאָן געדענקן דעם שנת, דעם פרט —
ס׳ציט זיך פון אייביקייט צו אייביקייטן !
עס איז דאָך די אין־סופיקע רגע,
וואָס טוט זיך תמיד און קיינמאָל־נישט בייטן :

ס׳איז דעם „תפארת שלמהס״ אַ חסיד,
נ׳הייליקן לאַנד זיך באַזעצן געפאָרן,
רובל יעדע וואָך רבי אים געשיקט,
אַלע מלווה־מלכהס צו פּראַווען — —
אַזויפיל יאָרן

און איצינד נאך, זייענדיק איצט דא,
יענעם חסיד געזען — ניגון געצויגן:
„דוד מלך ישראל חי וקים" — —
א דבקות־טאנץ פונקן זיינען געפלויגן.

## מיין טאטנס אור־אור אייניקלעך די סאברעלעך

. . . עפעס כ'היב אן ריידן נישט יידיש, נישט עברית,
ענגליש — צו די גויאישע קינדערלעך אויף מיין הויף.
אויף הערויף?

ס'גרעסערע קוקט קלוגיטשק־פארטראכט אויף מיר,
דאס קלענערע שטילינק גאפט.
ווער דאס האבן א האפט?

נעם איך זוכן לשון־קודשדיקע ווערטער אין מיר,
מיט גאלע קמצן ס'קומט ארויס.
ס'לאכן — די פתחן זיי בעסערן אויס!

ביים געזעגענעם, ווי פריידיק־היימיק זיך פארשטאנען,
ס'זעלבע ווארט זיי צו מיר, איך צו זיי —
„שלום!" „שלום!" — שטאט „ביי ביי".

## קליינע באלאדע  פייבל זיגלבוימען

ווי מיט א לעבעדיקער ממש,
כ'גיי צו דער כותל מיך געזעגענען;
ס'הילכט מאאזין פון אמאר־מאשע — —
וויינט דער הימל? ס'האלט אין איין רעגענען.

ארום מיין הארץ זלידנע געפלאטער,
גאר נישט אזוי גרינג עס צו פארטרייבן;
ס'איז מיין האנט א צער־צעציטערטע,
פון ווערטער וואס זי וויל אויפשרייבן —

אייגן לאנד גאנץ קענען איסקעמפן,
ס'מוז קודם זיינע אזוינס ס'זאל זיך לוינען!
א חוץ דעם כתר־מלכות איז דאך,
פאראנען נאך גאר אנדערע קרוינען.

און צומאל די מלכות קרוין אליין,
נישט, גאר צו איר א קאפ צוצופאסן —
זיין אזא מיט ווארן־קלארע אויגן,
רובין אין איר פאר זיין בליק פארבלאסן.



פלוצלינג מיין הארץ גענומען קלאפן —
א פערד אין גאלאפ קומט אן פון ווייטן!
זיך געזעגענען? צו הערסט דו נישט,
משיח בן דוד קומט אן צו רייטן?

## דער חלוץ  פאר קלארע בלום

פון א סטראשידלע הויט און ביין,
געקייעט אויפן מארק א שטרוי,
אויפגעציטערט פאר מינדסטן הינטל,
פארן שכורן שבת־גוי —

אליין געטאנצט אויף אלע פיר
צו דערטאפן א דארן ביין!
אז אזעלכע גאר געווארן,
ווער אזוינס דען קאן משיג זיין?

נישט קיין גולם, קיין ליימענער,
מיט שם אונטער געליימטער צונג —
מיט האק און לאפאטע אין האנט,
מיט ליכטיקע אויגן א יונג!

אויפצובויען פאר מענטש א הויז,
פארן פי, פארן פערד א שטאל;
זיך דערגראבן צו טיפעניש —
מים־חיים קלאר ריינעם קוואל.

זאמד־וויסטענישן, פעלזן־בערג,
באוואסערט מיט זיין שוויס און בלוט,
אין פרדסים אויפגעגאנגען,
זאנגען געוויג אין זונען־גלוט.

טראכאמע, מאלאריע, קדחת —
ס'ציטערט די ערד אונטער זיין טאנץ!
ברעכט זי אויף מיט „סאכא"־געזאנג,
און ער ווארצלט אין איר — א פלאנץ.

לאנגער גלות־גאנג געענדיקט —
איסגעפלאסטערטער שאסיי־נעץ!
פון הארץ־אדערן איסגעהאקט,
לוחות פאר עבודה־געזעץ.

ווי וואונדערלעך שטעט אויפגעשטעלט,
פון געביין זיינעם שטיין אויף שטיין!

פאר די וואונדער איבער וואונדער,
ג אט אליין צום צייכן בלייבט שטיין.

א וואונדער, אז ער שטייט אצינד
נישט צו רירן זיך פונם ארט ?
און פאר קויל־באוואפנטער ביקס
ס׳לעצט פונם מויל אפגעשפארט :

די גאנצענע ערד זיך שפאלטן,
ער שטיין ווי א וואנט ועט אזוי — —
„כי גאה גאה״—דער ים מיט בלוט !
אזוינס וואס געשען — נישט מער ! לא !!

## „דויד מלך ישראל חי וקים״

. . . „ממעמקים קראתיך ד׳ ״,
ווי אין א פינסטערער הייל איין און אליין,
זיצט דוד המלך ביי זיין תהילימל,
וויינט פון טיפן הארץ זיין תחינהדיק געוויין :

— וויאזוי שבטים אין איין פאלק פאראייניקן,
זיין אייגן הארץ צומאל מענטש קאן קוים פארשטיין ?
און אן אנוכי־איך, אן אחד־יחיד,
רציחיש דאך יעדער צוזאם און פאריין !

„דער פעלזן פון ישראל האט גערעדט צו מיר,
א געוועלטיקער איבער מענטשן דארף זיין״ — —
ער שמייכלט „דער זיסער זינגער״, „דער גבור״,
„אבער כ׳ווער אלט און ס׳פאלק וועט בלייבן אליין״.

איינער נאכן צווייטן די שרי־חיל,
ווי לעבעדיק פאר זיין בליק זיי בלייבן שטיין;
ער הערט ממש די שריט פון זייערע שיך,
און אין זיין געדאנק דער פסוק פאלט אים איין :

„קאן מען דען ציילן דעם זאמד־שטויב פון דער ערד,
כה, פונקט אזוי, וועלן דיינע קינדער זיין״ — —
מיט אים זיך מיעץ־זיין, אן עצה האלטן,
רופט ער אים, יואבן, אינם געצעלט אריין.—

„געציילט מוז ס׳פאלק ווערן, יעדער איינציקער,
חשוב צו זיין, קענען אכטן זיך אליין,



נישט קיין זאמד־שטויבעלע אונטער יענעמס טריט.
דער פעלדמארשאל אים געוואלט געבן פארשטיין — —

דער לעצטער, דו אורי, פאר זיין בליק נאך שטייט :
אז אזוינס געקענט געשען מיט מיר אליין,
און אלץ ווייל מאכט, ווייל איינער איבער אלע,
אויב אזא אכזר דער מענטש קאן זיין, אם כן :

צו זיין־זיינעץ, זיין פריינט, זיך נישט צוגעהערט :
„דו האסט אויסצופירן, ס׳באפעלן איז מיין !״
דער פעלדמארשאל שטייט שטיל, קאפ אויפגעהויבן,
א סאלדאט ! ער פילט ווי ס׳הארץ אין אים פאלט איין :

זאגט דער נישט דאס פאלק, אין נישט־געציילטן
קומט די ברכה אריין, ס׳מערט זיך און ס׳ווערט מיין ?. . .
און ווען דער נביא, ווען גד, איז געקומען,
נאך א גרעסערער כעס אין מלך אריין :

א יינגל איז ער גאר, העות זאגט מען אים ?
דער קעניג באפעלט, נישט ער זאגט נאך „אמן״.
און פאר זיינע אויגן שטייט דער ריז, גלית,
ער גייט אים אקייגן מיטן שליידער־שטיין :

„מיטן מלך פון ישראל רייצט מען זיך נישט,
צומאל אפילו ער, כביכול, אליין — —
וויסן וויל איך די צאל פון מיין פאלק, זיין כוח,
און אויב ג אט וועט באשטראפן, איך קאן באשטיין.

„צום טויט אויסהונגערן וועט ער אונז, צי גאר
מאכן אונז אנטלויפן פארן פיינט ? א, ניין !
ווען א פאסטוך נאך געווען, מינדסט שעפעלע,
ארויסגעריסן איך האב׳ס פונם לייבס ציין.

„א מגפה וועט ער איבער אונז ברענגען ?
איז רעכן מיך מיטן מינדסטן מיט־אריין — —
שוין זאלן שופרות שאלן אין די מחנות
און אויף באפעל אלע, כאיש אחד, גרייט זיין !

„צי איז דען נישט ער, וואס ארבעט אין מיר ?
כ׳פיל דאך אים תמיד אין מיין גאנצן געביין —
׳פארהוילן זיינע מעשים זענען׳, זאגסטו ?
׳זיינע וועגן קיין בן־אדם קאן פארשטיין׳? —

„כ׳בין נישט קיין פרעה, פון אים כ׳בין אויסדערוויילט,

דער געזאלבטער קעניג פון מיין פאלק צו זיין;
מיט א מלך פון ישראל רייצט מען זיך נישט,
צומאל אפילו ער, כביכול, אליין!"— —

און נאך איידער דער נביא מיט דעם ענטפער
מיט גרויס שרעק קוים געקומען צוריקצוגיין,
פול מיט פגרים פון דן ביזגל באר־שבע,
ביז צו די הימלען הויך ס'הילכט ס'יאמער־געוויין.

פלוצלינג פאר דער שטאט ירושלים שוין
דעם מלאך־המות דויד געזען שטיין,
און זיך צעשריגן: „וואס איז דאס פאלק שולדיק?
אידבין עס דאך דער, וואס איז שלעכט און געמיין!

„באשטראף דאך מיך, דער פארברעכער בין איך דאך,
קיין שום מענטש חוץ מיר נישט פארמישט איז דריין;
דאס בלודנע שאף, די סטאדע וואס איז שולדיק,
אז תמיד רק זי, עס מוז דער קרבן זיין?"

ס'לייבן־געבריל דערהערט — פון גרויס ציטערניש
בלוטיקע שווערד אין שייד צוריק אריין — — —
און איבער שייער פון יבוסי
האט זיך באוויזן גאטס געהייליקטער שיין:

„ס'האט יעקב מיט א מלאך זיך געראנגלט,
דו, דויד, פאר דיין פאלק, מיט מיר שוין אליין,
דערפאר וועט דיין קעניגרייך, חי־וקים,
אויף אייביק — לעולם ועד! — בלייבן באשטיין!"

פופציק זילבער שקלים פון קעניג דויד,
ארונה גענומען פארן יבוסי־פליין,
די עדות געווען דער מלאך־המות
און כביכול דער איין־און־איינציקער אליין.

בויענדיק דעם מזבח וואו יעדער מענטש
מתפלל זיין זאל קאנען קומען צו גיין,
בעט דויד זיין תפילה, לייגנדיק זיין קאפ —
א שפעס אויף ערשטן נישט־געטעסטן שטיין:

„אין קריג א צווייטן מ'קאן מארדן, מענטש פארגעסט
אין אייגענעם טויט, באפאנצערט ביז די ציין;
אין הונגער איר בלוט און פלייש מוטער עסט אויף —
בשעת מגפה גרעסטער העלד ווערט קליין!



„וואס, נעבעך, ס'כשרע שעפעלע שולדיק,
אז ס'איז דער בן־אדם א טריפענער ביין?
בלוטיק באשמוצט, איך פאל אויף די קני פאר דיר,
וואשנדיק ס'פנים אין אייגענעם געוויין"—

* * *

דריי טויזנט יאר זייט דעמלט שוין אריבער,
און וואס־זשע נישט אלץ מיר געהאט אויסצושטיין — — —
איז נישט „דויד מלך ישראל חי־וקים"
ביי דער מערב־וואנט מיר נאך אצינד שטיין?

יעקב י. מייטליס

## ר' אלטער וולאשטשעווער
(א קאפיטל יוגנט־זכרונות)

ווען ר' אלטער וולאשטשעווער (אלטער פרידמאן), דער למדן און שארפער חסיד, האט איבערגענומען דאס מלמדות אין מיין שטעטל מאנדזשעוו, לעבן סאסנאווצע, בין איך געווען א יינגל פון מסתמא א יאר צען אדער עלף. אראפגעבראכט פון דארף פראדלע, ווו ער האט מרביץ־תורה געווען און געלערנט מיט בחורים און איידעמעס אויף קעסט ביי נגידישע שווערן, האט ר' אלטערן א נגיד פון שטעטל, ר' מענדל קליינער. ער האט זיך דאס געהאלטן פאר א באזונדערן כבוד צו האבן ביי זיך אין שטעטל אזא חשובן ייד, א מושלם מיט אלע מעלות, וואס זאל לערנען מיט א פאר לערנבאגעריקע בחורים מיט גוטע קעפ. איז דאך ר' אלטער געווען א שם־דבר אין לומדיש־חסידישע קרייזן, וואס האט אויך שטארק אויסגענומען מיט זיין התנהגות און איידלקייט ביי סתם בעל־הבתישע יידן. אין מיין זכרון ווי א תלמיד, איז נאך עד היום איינגעקריצט די ליכטיקע געשטאלט פון אט דעם זעלטענעם ייד. געווען איז ער א שיינער, מיטל־ווקסיקער ייד, א בעל־צורה, מיט גרויע ווארעמע און פארדבקותדיקע אויגן, וואס האבן געשיינט מיט א סך גוטסקייט און לייטזעליקייט.

בשעת ר' אלטער איז מיט זיין משפחה אראפגעקומען אין אונזער קליינשטעטלדיקן יישוב, איז ער מסתמא געווען א ייד פון א יאר 45, וואס זיין לאנגע, צוויי־שפיציקע בארד האט זיך שוין גענומען ווייסן. פאר אונז חדר־יינגלעך איז דער נייער מלמד געווען ממש אן אויפריכטעניש. האט זיך דאך דער זמן פון זיינע לימודים אנגעהויבן נאך פסח, אין סאמע פרילינג, וואס איז געווען פול מיט אויפגיי און בליונג. האט זיך טאקע דעמלט דאס קליינע שטעטל געווארעמט אין א מילדער, ליכטיקער זון, זיך געטובלט אין גרינס, און די לופט האט געשמעקט מיט די ריחות פון א פעטער ערדישקייט און א שפעדיקער שפראצונג. היינט שוין דער פאקט אליין, וואס מען הייבט אן

לערנען ביי אזא ווילן, הדרת־פנימדיקן מלמד, האט דערפרייט און געקוויקט די הערצער פון דעם לערנבאגעריקן, יונגען עולם קינדער. נאך א שווערן ווינטער און עטלעכע זמנים פון לימודים ביי דעם סטאשעווער מלמד, ר׳ משה, אן אלמן און א ייד א כעסן און א שלעגער, וואס האט אויסגעלאזט זיין ביטער הארץ צו די ייִנגלעך און זיי געשלאגן מכות־רצח, האט איצט געדארפט קומען א שינוי צום גוטן. ר׳ אלטער וולאשטשעווער, הגם ער האט געלעבט פון מלמדות און געהאט פרנסה בדוחק, איז געווען פון אן אנדערן שניט. ער איז געווען גאר ווייט פון דעם אמאליקן טיפ מלמד, וואס האט רציחותדיק געקנעלט מיט די חדר־ייִנגלעך און אנגעווארפן אויף זיי אן אימה. אדרבא, ר׳ אלטער דער שארפער אלעקסאנדערער חסיד און למדן, וואס איז דערצו נאך געווען א ייד א משכיל מיט א סך וויסן אין וועלטליכע ענינים, איז געווען א נוח־לבריות און ארויסגעוויזן א סך ליבשאפט און פארשטענדעניש צו זיינע תלמידים. ער איז פונקט אזוי געווען אין דער היים ביי די השכלה־שרייבער, ווי אברהם מאפו, א סמאלענסקין, א יל״ג (יהודה לייב גארדאן), ווי להבדיל אין תנ״ך, ש״ס און פוסקים, און א פשיטא שוין אין חסידות, וואס האט עניוותדיק געקרוינט זיין תורה־לערנען. הקיצור, אין ר׳ אלטערן האבן מיר געהאט א מין ערודיט פון אלטן שטייגער, א גייסטיקן מענטש, א בר־הכי, מיט א סך פנימיות. דער עיקר איז ביי אים געווען דאס פינטעלע ייד און דעריבער איז זיין דרך פון לימוד געווען איינצופלאנצן אינעם הארץ פון זיינע תלמידים א קוואליקע ליבשאפט צו דער גרויסער קולטור־ירושה פון פאלק און אויף אזא אופן אמונהדיק גרונדפעסטיקן זייער יידישן באנעם. האט ער טאקע קודם־כל פארשטאנען אריינצודרינגען אין דער נשמה פון קינד, וועקן זיינע פעיקייטן און באווירקן זיין רצון צום לערנען. ווי א גוטער בעל־הסברה איז ער אויסן געווען, אז דער תלמיד זאל נישט אנטלויפן אינעם אלף השישי מיט פשטלעך, נאר באנעמען און פארשטיין וועגן וואס עס רעדט זיך. אפילו אין דער שווערסטער סוגיא פון דער גמרא, האט ער געהאט זיין אייגענע שיטה, א צוגאנג פון פשטות, פון אויפקלערן און סטימולירן די מחשבה. געלערנט האט ער אפט מיט ברען, מיט דער דבקות פון א חסיד, און מיט לומדישער טיפקייט געשווומען אין דעם ברייטן, צעברויזטן ים־התלמוד. דערמאנט זיך נאך דאס מתיקות פון די ווינטערדיקע קאיאר־פרימארגנס, ווען מיר, די תינוקות של בית רבן, זיינען געזעסן אין ר׳ אלטערס חדר, התלהבותדיק געלערנט און דערביי מיט אן אומעטיקן גמרא־ניגון תפילהדיק אויסגעגאסן אונזער פרייד און בענקשאפט פארן בעל־הרחמים. עס זיינען געווען מאמענטן פון זעלטענער דערהויבנקייט, וואס זייער טעם קענען נאר דערפילן די, וואס האבן דאס אמאל איבערלעבט.

ווי א מופלג בתורה און א מושלם, איז ר׳ אלטער דערצו אויך געווען א שיינער בעל־לשון און א גוטער פעדאגאג, וואס האט מיט זיין עניוות און גוטהארציקייט פארשטאנען ווי אזוי מקרב צו זיין זיינע גוטע, לערנבאגעריקע תלמידים צו אלץ, וואס איז אים גופא געווען ליב און טייער.



א חוץ זיין לומדות, איז ער אויך געווען באהאוונט אין הוויות העולם, געקענט געשיכטע און געלייענט סאקאלאווס „הצפירה" מיט א סך משכילישער הנאה. דערצו איז ער אויך געווען א בעל־מדקדק, וואס האט פארשטאנען צו פארזייען אין די הערצער פון זיינע תלמידים א ליבשאפט צום תנ״ך און העברעאיש בכלל, און אזוי ארום פארלייגט א יסוד פאר א שפעטערדיקן, גרונטיקן לימוד. צו די אלע גוטע מעלות, איז ר׳ אלטער נאך געווען א וווּנדערלעכער מעשה־דערציילער, בפרט טאקע חסידישע מעשיות פון גוטע יידן און אנדערע גדולים, פלאדיקע מסורות וואס האבן געכישופט מיט זייער תמימות און צעצונדן די פאנטאזיע פון יונגן קינד. אט דער שיינער בעל־מידות און צעווארעמטער ייד, א פעדאגאג און דערציער פון א פארנעם, האט מיט פרייד און ליבשאפט מדריך געווען זיינע תלמידים אויפן וועג פון א שלמותדיקער יידישקייט מיט איר גאנצן נאציאנאלן באנעם.

אויף מיר און עטלעכע פון מיינע נאענטע חברים, איז ר׳ אלטערס השפעה געווען באזונדער שטארק. מיט זיין ערלעכקייט און טיפער פארשטענדעניש פאר דער נשמה און געמיט פון קינד, און מיט זיין גרויס וויסיקייט אין תנ״ך, געשיכטע און העברעאיש, האט ער באוויזן צו סטימולירן אין אונז א שטארקן אינטערעס און גרויס ליבשאפט צו דער ירושהדיקייט פון דורות אין אלע אירע אספעקטן און מאניפעסטאציעס. וואס נוגע דעם בעל־זכרונות גופא, אזוי האט זיך אין אים שוין גאר פרי גענומען וועקן די נטיה און דער יצר־הרע צום שרייבן. צוערשט טאקע פשטלדיקע תורות, אבער גאר גיך, זייענדיק נאך א ייִנגל פון א יאר צוועלף, זיינען דאס געווען די ערשטע, ניט־צייטיקע, אומבאהאלפענע „ליטעראַרישע" פרוון, געשריבן אין א מליצהדיקן לשון־קודש מיטן באקאנטן משכילישן נוסח, ווי מיר האבן דאס געלערנט ביי ר׳ אלטערן, און פון וואס ער האט אפנים געהאט גרויס הנאה. אפשר איז פון יענעם קינדערשן טינטלען און האמעטנעם לשון־קודש שרייבן, פארט עפעס ארויסגעקומען. אויב יא, איז דאס אין א גרויסער מאס אין זכות פון אט דעם זעלטענעם ייד, דעם למדן און קענער, מיין יוגנט־מלמד ר׳ אלטער וולאשטשעווער זכרונו לברכה.

ח׳ נ. בענקוויטש

## הרב הגאון ר׳ שאול המכונה...

— פון דער סעריע: יידישע טיפן פון אמאליקן לאנדאן —

עס איז פאר ראש־השנה, 1899, איך בין הי אין לאנד בלויז עטלעכע וואכן, מיין טאטע — קארגע צוויי יאר. מיר זעט אלץ אויס מאדנע.

איין מאל, איך קום אהיים פון גאס, זיצן עפעס צוויי משונהדיקע יידן, אנגעטון אין לאנגע פראקן, צילינדערס אויף די קעפ, מיט משונהדיקע בערד, לאנגע פיאות און שמוציק. ביידע מאכן עפעס מאדנע העוויות, נאר איינער פון זיי, דאס הארץ ביי אים אפן, הערט נישט אויף זיך צו קראצן.

מיין טאטע זאגט צו זיי,

— דאס איז מיין בכור, חיים נח — און צו מיר זאגט ר — זעסט, מיין זון, אין לאנדאן זענען אוידדא שיינע יידן. דער איז הרב ר׳ שאול און דער צווייטער איז ר׳ יאסל, שמש פון שול.

דער הרב שאול קוקט מיך אן, קראצט זיך, ווארפט זיך און זאגט,

— חיים נח, א שיינער נאמען. „לעבן גרינג" מיינט דאס. נו, זיי א ייד. מעגסט אפילו זיין א ציוניסט, מעגסט לייענען ביכער, אבער לא יסור ספר־התורה מפיך. פרעג מיך, וועל איך דיר זאגן וואס צו לערנען. — און רעדנדיק, הערט ער, נעבעך, נישט אויף זיך צו קראצן און קרימען און מאכן מיטן גאנצן גוף משוגענע העוויות.

איך קוק זיך צו צו די שיינע יידן און טראכט „דאס זענען שיינע יידן?"

דעם ר׳ שאול פלעג איך אפט טרעפן אין גאס און פלעג בלייבן שטיין אים נאכצוקוקן ווי משוגע ער זעט אויס, נעבעך, מיט זיין קראצן און ווארפן זיך. איך פלעג אים אויסמיידן, נאר עס פלעגט טרעפן, אז ער האט מיך אפגעשטעלט און געפרעגט.

— וואס מאכסטו, חיים נח, וואס ארבעטסטו? וואס לערנסטו און וואס לייענסטו? — און מיט אלע זיינע מיאוסע העוויות האב איך דעם ייד דאך נישט פיינט געהאט; און אפילו ליב באקומען.

ער פלעגט אפט קומען צו אונז אהיים. מיין מאמע פלעגט אים געבן עפעס צו עסן. ער פלעגט פארברענגען מיט מיין טאטן, און מיך געפרעגט וואס איך לייען און מיר געזאגט וואס צו לייענען.

איין מאל קומט ער צו אונז און בעט זיך איבערצונעכטיקן. מיין טאטע זאגט אים,

— איר זעט, מיר האבן אליין נישט גענוג ארט. עס שלאפן פינף קינדער אין איין חדר!

— נו, זאגט ער, איז ביי אייך רעכט, אז איך זאל שלאפן אויף דער גאס? ווערט עפעס מיין טאטן נישט גוט און קוקט זיך דורך מיט דער מאמען, און ר׳ שאול בלייבט שוין נעכטיקן ביי אונז אין שטוב.

צו געבן א באגריף ווי מען האט יענע יארן געלעבט, וויל איך באשרייבן ווי מען האט געהאלפן ארימע מענטשן ווען עס איז זיך אליין ניט געווען גוט. איך און מיין קליינער ברודער זענען געשלאפן אין איין בעט. האט מען אונזער גאסט אפגעגעבן דאס בעט און אונז, במחילה, געלייגט שלאפן אויפן דיל. האלבער נאכט הערן מיר אונזער גאסט רעדן בזה הלשון,

— דייטשלאנד האט א קייזער, עסטרייך האט אויך א קייזער און מענטשן פארשיידענע. אייניקע האבן גרויסע כנים און אנדערע האבן קליינע כנים. אבער איך האב נאר גרויסע! — און ער חזרט איבער די זעלבע רייד אייניקע מאל. — איז וואס קען איך טון? קראץ איך מיך און קראץ מיך . . .

מיר לאכן שטילערהייט ביז מיר קענען זיך מער נישט איינהאלטן און מיר פלאצן אויס אין א גרויס געלעכטער. אונזער גאסט דערהערט אונז לאכן,



צעשרייט ער זיך,

— קום אהער, דו ממזר, איך וועל דיך צערייסן אויף שטיקער! — און ער שפרינגט אראפ פון בעט און פאלט מיט א געוואלד און א געשריי. אלע כאפן זיך אויף פון שלאף, מיין טאטע פון זיין חדר כאפט זיך אויך אויף, צינדט אן דעם גאז און הערט אויס וואס דא טוט זיך. ר׳ שאול מסרט אויף מיין ברודער פאר מיין טאטן, נישט אויף מיר. מיין טאטע בייזערט זיך אויף מיין ברודער און בעט מחילה ר׳ שאולן. מיר גייען אלע צוריק שלאפן. נו, האבן מיר דורכגעלעבט א נאכט אין צרות!

אין דער פרי גיט אים מיין מאמע טיי און וויקלט איין א שטיק ברויט פאר אים מיטצונעמען, און דאנקט גאט ער גייט אוועק. ערשט איך אוונט — ער איז דא! די מאמע גיט אים עפעס צו עסן. ער וואשט זיך, עסט אפ און בענטשט. ער זיצט, רעדט און פארברענגט מיטן טאטן און מיר גיט ער נאר עצות וואס צו לייענען. אבער עס מוז דאך נעמען א סוף. מיין טאטע זאגט,

— ר׳ שאול, עס ווערט שפעט, מיר ווילן גיין שלאפן.

— יא, — ענטפערט ער — איך וויל אויך גיין שלאפן. — און נעמט זיך אויסטון. מיין טאטע ווערט באמת בייז,

— ר׳ שאול, איר מוזט גיין!

ווערט ער מלא רציחה און שרייט אויס,

—איר זענט ערגער פון פוטיפר! יענער האט אריינגענומען יוסף הצדיק, און איר טרייבט ארויס א ייד א תלמיד־חכם אינמיטן דער נאכט. אבער איך גיי נישט. איך האב נישט וואו צו גיין! — און האט זיך צעוויינט מיט ביטערע טרערן. — זאלן די קינדער שלאפן אין בעט, איך וועל שלאפן אויפן דיל.

עס איז געווען א רחמנות צו זען ווי דער עלנטער, אומגליקלעכער ייד האט זיך צעקלאגט. ער איז ווידער די נאכט געשלאפן ביי אונז. אויף מארגן פרי האט מיין טאטע צוזאמען מיט ר׳ יאסלען, זיין גוטער פריינט און אויך א מלמד — דער פאטער פון הרבנית ברוידע — צוזאמענגעקליבן עפעס געלט פאר אים און געפונען א דירה פאר צוויי שילינג א וואך. דאס איז געווען דער מקח צו יענער צייט.

דער ר׳ שאול האט זיך געלאזט דרוקן א קארטל בזה הלשון: „הרב הגאון ר׳ שאול ידרוש — בשעה" און פלעגט צושרייבן מיט שיינע געכתיבהטע אותיות אין וועלכער צייט און אין וועלכער שול ער וועט דרשענען.

אונזער שול איז געווען אין ניו־קאורט, פעשיאן סטריט. דאס איז א גאס וואס שניידט דורך פון בריק ליין צו קאמערשל סטריט און ווען דער גאס און ניו־קאורט איז ווערט עפעס צו שרייבן. מען רופט די גאס „פעשיאן סטריט". נו, איז וועמעס דאגה איז דאס? ניו־קאורט? נישט מיין דאגה. מאכט זיך אבער, אז צו יענער צייט האב איך געקריגן זאנגווילס בוך אין עברית „ילדי־הגיטו". לייען איך דארט, אז עפעס א לץ האט געגעבן די גאס דעם נאמען „פעשיאן סטריט" און אין הייד־פארק א וועג, וואו ענגלישע אריס־טאקראטן רייטן אויף אריסטאקראטישע פערד, האט מען א נאמען געגעבן

„ראטן־ראו״. עס האט געדארפט זיין פארקערט . . .

ניו־קאורט איז, דוכט מיר, וואו ראטשילד׳ס באנק איז. פונקט אין דער גאס אין דער קאורט זענען געווען צוויי שולן, איינע אגודת־אחים, נוסח האר״י און א צווייטע, וואס האט זיך אריבערגעצויגן אויף פילפאט סטריט. אין דער שול האבן געדאוונט פראפעסאר בראדעצקיס פאטער און זיידע. און חוץ די צוויי שולן, איז זומער צייט די גאנצע קאורט געווען א שול. מ׳פלעגט ארויסטראגן א טיש פון שול און מען האט גענומען א ספר־תורה און פיל יידן האבן געקענט קריגן עליות.

אין דער קאורט האבן געוואוינט בלויז יידן. הרב ר׳ שאול האט בא־שטעלט צו האלטן א דרשה א געוויסן שבת. יענעם שבת איז די שול געווען געפאקט. מען איז געקומען הערן זיין חכמה, זיינע איינפאלן און ער פלעגט טאקע אויסנעמען ביים עולם. דעם שבת, ליידער, האט אים נישט געגאלטן. ער האט איבערגעריסן זיין ריידן, האט זיך אויסגעגלייכט און האט באמת אויסגעזעען אן אנדערער מענטש. אנגעהויבן האט ער וועגן א הויכן ענין און גערעדט אפשר דריי מינוט. עס איז אים באפאלן א ווארפעניש, א קרומען זיך און א קראצן זיך. מען האט געזעען, אז ער פאלט באלד אוועק. מען האט דערלאנגט א שטול פאר אים זיך אנידערצוזעצן. עס איז געווען א ביטער רחמנות צו קוקן אויף אים מיט דער יארמולקע אויפן קאפ. און אזוי האט זיך געענדיקט זיין דרשה.

אמאל קומט ער צו אונז ארויף און טרעפט מיך לייענען דעם הצופה לבית ישראל פון ד״ר ערטער.

— טארסט נישט לייענען אזא בוך! — זאגט ער צו מיר.

— פארוואס? פונוואנען ווייסט איר, אז דאס בוך איז נישט גוט? — פרעג איך אים.

— איך האב עס געלייענט, — זאגט ער.

— נו, — ענטפער איך, — איך וועל עס דורכלייענען און וועל זעען צי עס איז נישט גוט, און דעמלט וועל איך עס נישט מער לייענען.

אין יאר 1904 האב איך חתונה געהאט. יענע יארן פלעגט מען איינלאדן ארימעלייט אויף שמחות, האבן מיר איינגעלאדן ר׳ שאולן. נאך דעם ווי איניקע געסט האבן אפגערעדט, שטעלט זיך ר׳ שאול אויף און זאגט,

— אלע פרעגן מיך פארוואס איך האב נישט חתונה. ווען איך טרעף אזא כלה ווי חיים נח האט געטראפן, וואלט איך אויך חתונה געהאט!

אזא אויג פון א תלמיד־חכם האט געהאט ר׳ שאול. מיין פרוי, ע״ה, איז טאקע געווען א שיינהייט.

**מיר בעטן אונזערע אבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אבאָנא־מענט אָפּצאָל.** דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַרבעט.



רות באכנער

## דער צווילינג (אין פאלקס־טאן)

1

ביי דעם טייכל איינגעבויגן,
שטייט א ביימל גרין באצויגן;
עס קוקט אין טייכל טאג און נאכט,
וואס וועט דער סוף זיין ס׳ביימל טראכט.

הויך געוואקסן שיין געבליט,
אך, ווי שנעל דער פרילינג פליט;
באלד קומט דער הארבסט פארנעמט זיין ארט,
ווו זענען די פייגעלעך דארט?

2

אין איר צימער צארט און אידל,
ביי דעם שפיגל שטייט א מיידל;
זי קוקט אין אים טאג און נאכט,
וואס וועט דער סוף זיין? ס׳מיידל טראכט.

הויך געוואקסן שיין געבליט,
אך, ווי שנעל דער פרילינג פליט;
באלד קומט הערבסט פארנעמט זיין ארט,
ווו זיינען די יינגעלעך דארט?

א. נ. שטענצל

## אילוזיעס, אילוזיעס

2

די שווערע מלחמה־יארן, דאס אריינוואַרפן זיך אין פלפולדיקע פארטיי־דיסקוסיעס שוין אין בית־המדרש, אין שטיבל, דאס פאליטישע פילאזאפירן מיט דויד ריכטערן, מיט וויעוויארקען; דאס שווערע ארבעטן איבער מיינע כחות ביי די פויערים, דאס ווילדע קאפעע־לעבן שפעטער, וואס האט ארומ־געכאפט א קנאפן יאר־צענדליק —

וויאזוי איך האב דאך אוספייעט אין די זעקס יארן פון 1920־26 אנצו־שרייבן דאס ביסל, וואס קוים א טייל דערפון איז אפילו אויך אפגעדרוקט געווארן — און נישט נאר אין יידיש — מיט לאגישע מאסן פארשטיי איך עס נישט עד־היום.

איך קאן נישט זאגן, אז אסך תורה האב איך מיך אנגעלערנט — דאס לערנען, האבן זיך די טישן געוויגט פון די שווערע שטויסן אנגעווארפענע ספרים און די סופיטן האבן זיך געהויבן פון די ווילדע פלפולים.

ווען איך מיין טאטנס שטוב אין טשעלאדזש, אין מיין ברודערס אין סאסנאוועצ, ביי לייב הערשן אין מילאוויץ, מ׳האט אנגעהויבן ריידן אין לערנען, האבן זיך די טישן געוויגט פון די שווערע שטויסן ספרים און די סופיטן האבן זיך געהויבן פון די ווילדע פלפולים.

די טיפע שמועסן, פון די הארץ־ציענדיקע ניגונים ביי די שלוש־סעודותן, ביים פראווען מלווה־מלכהס עד שעלה עמוד השחר, דאס טאנצן שעהנווייז ארום מעלעמער ביזן זיבעטן שווייס אנגעגאסן —

א געשחטענע קאטשקע אין ווייק־שעפל ווערט דאך אויך כשר לכבוד שבת . . .

אין וואסערער יאוש־סיטואציע איך האב מיך נישט געפונען אין יענע יארן, אין שאול תחתיה שוין! מיט א מימרא פון דער גמרא, מיט א חסידיש ווארט, מיט א יידישלעכן טייטש, מיט א חסידישן קנייטש מיך געראטעוועט ווי א קאטשקע ארויס פון א באגנע, זיך אפגעשאקלט, זיך געקאטשעט אביסל און ווייטער געוואקלט.

מיין וועלטלעך וויסן? שוין זייענדיק יארן אין א גרויס־שטאט ווי טשענסטאכאוו, האב איך, א צוואנציק יאריקער בחור שוין, נאך נישט געקענט קיין צורת־אות פון לאטיינישן אבעצע.

אין יענע יארן נאך שעהנדיקע שווערע דיסקוסיעס מיט דויד ריכטערן, מיט לאזער פלאצקער מכח ציוניזם, באלפור־דעקלעראציע, בונדיזם, קאמוניזם, פלעגט וועוושע ארויפגיין מיט מיר אין פארלעגענעם קרימעלעווער שטיבל און מיר פארלייענען א פרץ־מעשה, א וויסנבערג־דערציילונג. איך בין געזעסן מיט אפענעם מויל, מיט פארגאפטע, גרויס־אויפגעריסענע אויגן —

באמת, אין א שטיקל מהרש״א, אין „שאגת אריה" האב איך מיך לייכטער אויסגעפונען.

ביי א בלעטל מענדעלע, ביי א ליד פון מאריס ראזענפעלד האב איך שוין אליין מיר אנגעהויבן ברעכן די ציין.

טרעפנדיק שפעטער אמאל זלמן רייזענען, פרעגט ער מיך אונטער וועמענס איינפלוס איך בין. האב איך טאקע פשוט געזאגט: אונטער מאריס רעזענפעלדס, ווייל דאס איז מסתם געווען דאס ערשטע, וואס איך האב אויפגענומען מיט מיר אליין, ביחידות.

רייזין קוקט מיך דערשטוינט אן מיט א פראגע־צייכן — „מה ענין שמיטה אצל הר סיני"? ווארום דאס איז שוין געווען נאך מיינע „דערפאלגן" אויפן דייטשן ראדיא מיטן „אריגינעלן" „פישער־דארף", אטרויסגעגעבן ביית קארטעל פון דייטשע ליריקער ביים פען־קלוב, אין דער דייטשער איבערזעצונג פון פעדערן־קאלהאז, מיט א הקדמה פון ארנאלד צווייג, מיט א קריטיק פון טאמאס מאן אא״וו.



לידער אן יחידישן, אן יעדן סאציאל צוגאנג; ריין מאלערישע איבער די 14 לידער אין „די יידישע וועלט" איז אפילו בפירוש געווען אויפגעשריבן: „שטיל־לעבנס".

ענטפער איך אים „תיקו" — ס׳בלייבט טאקע א קשיא; אבער צוריק געשמועסט, צי מוז מען ערשט באאיינפלוסט ווערן פון וועמען? צי איז דען נישט גענוג, צי איז דען ווייניק די ערד, די צעאטעמטע, וואס איך האב זי אזוי דערלעבט מיטן שווייס אויף מיין פנים?

ער האט דערנאך אזוי קלוג אבער נאענט געשמייכלט צו מיר. אין דער מינוט האבן מיר זיךביידע אזוי ליב באקומען, נישט נאר ווייל ער איז געווען אברהם רייזינס א ברודער . . :

אין די יארן 1921־24 דאס ווילדע דערלעבן פון די תהו־ובהו צעלאזענע גרויס־שטאט גאסן פון בערלין, האנאווער, לייפציג, די קוילן־גרובנס געגנטן פון רהיינלאנד־וועסטפאלן נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה — די בענקעניש צו מיין טאטנס שטילער פארטיפטקייט, דאס איז מסתם דאס ארגאנישע, וואס איז געבליבן שטעקן אין די „בילדער" דעמלט פון מאנכע געלונגענע לידער.

האב איך דאך עפעס מיטגעברענגט פון דער היים, מיין מאמעס קלוגקייט אין איר יידישלעך־אריגינעלע שיינקייט, אסתר׳ס צעריסנקייט, צימעלעס תמימות — נישט נאר פסוקים־טייטשן און תורה־ווערטלעך.

„מקוה ישראל ה׳" — גאט איז די מקוה פון א ייד, זאגט א רביש ווערטל! זיך אפגעטובלט פין די נ׳ שערי טומאה און ווייטער געקלעטערט אויף דער יעקב־לייטער.

באמת, ביזגל צום הימל פלעגט זי טיילמאל דערגרייכן, כאטש פון אלע שטיינער איז נישט געווארן איין שטיין צוקאפנס, נאר איינער שטרויכלענדיקער פארן אנדערן — מיילן־שטיינער! — איבער די נאכמלחמהדיקע, צעקרימטע וועגן איז די מיטל־אייראפעאישע דייטשע שטעט —

„און דו ביסט גאט" און „דאס פישער־דארף" — צוויי מצבה־שטיינער אויף מיין שווערן וועג „ממצרים ועד הנה" — ס׳איז באמת פאלג מיך א גאנג!

דאס יאר 1926, דאס הערן פארלעזן! דאס קאנען „זיצן" געמיטלעך ביי א געדעקטן טיש „ווי א מענטש", דאס קאנען ליגן בארואיקט, אויסגעצויגן אויף א ווייכער זאפע ווען מיינע חולאתן האבן זיך צו מיר ווידער גענומען טשעפן — ליגן רואיק מיט געשטילט־פארוויגטע חושים און הערן פארלעזן.

אויב אפילו נישט רעגלמעסיק, נישט סיסטעמאטיש, ווייל צו אזוינס בין איך מסתם בכלל קיינמאל נישט מסוגל געווען! איז עס דאך געווען א מין שטאפל אין מיין אויפנעמען עפעס נייעס.

דאס הערן פארלייענען מיט יוגנטלעכן געפיל פון א געשולטער לערערין, מיט סענטימענטאלע נטיות צו קונסט, צו עסטעטיק, דעם ערשטן טייל פון

געטעס „פאאוסט“ — „די גרעטל־טראגעדיע“! — האב איך דאס יוגנטלעך־זינלעכע אויף א גאנץ אנדערן אבער דאך אויף אן עכטן אופן דערלעבט — דאס סענטימענטאל־ליבלעכע האט באקומען לירישע טראגישקייט.

דער צווייטער טייל איז שוין פאר מיר געווען אן אפקומעניש! ס׳איז נישט געווען נאר מיינע צעשפילטע מיחושן! דאס ליריש־מוזיקאלישע בארואיקט די חושים, מ׳ברויך עס צומאל נישט משיג צו זיין . . .

דאס חקירישׂ־געדרייטע, ווי כפל־שמונהדיק, תכלתדיק ס׳זאל נישט זיין, ווערט זשורנאליסטיש; אויב שוין גאר גוט — א פובליציסטישער עסיי, א פילאזאפישע אפהאנדלונג . . אפשר שפייז פארן מוח, פארן הארץ צו טרוקן.

איך גלויב, אז מיין פארלייענערין האט עס דערפילט און איז שטיל איבערגעגאנגען צו א שעקספיר־דראמע — כ׳בין געלעגן ממש ווי א שטאפּ־גאנז, וואס כאפט קוים דעם אטעם.

דאס ליד מיינס, געשריבן דעמלט איבער שעקספירן, האט זיך נאך אפגעווארטעט אין מיין בוך „לאנדאן שטעטל ד׳בריטן“ — ווהייטשעפל, 1962 — און אין אן ענגלישער איבערזעצונג אין ענגלישן זשורנאל „עלאם“.

איך געדענק נאך פון יענער צייט פיל זייטלעך פון ערשטן טייל „דער וועג צו שוואן“, פון מארסעל פרוס.

אמת, נישט פארשטייענדיק אלץ גענוי, נישט שפראכלעך, נישט אין געפיל, אבער דאך „עפעס“ ארויסגעפילט אינם באטאנען פונם פארלייענען און אינם נייעם ניגון פונם סטיל — כאטש דער שליסל־טאן א גאנץ אנדערער!

אבער מיין מייל־שטיינער־וועג איז פארוויסט, צעשאטן — צעשטאמט!— דארן־רויזן אלייען אזוי וואונדערלעך־פארפלאנצטע, אזוי קונציק־סיסטעמאטיש באשניטענע און באהיטענע, נאך אזויפיל ווינטערס און איך דערשמעק נאך איצט ווי זיי קנאספּערן.

איז ער פלוצלינג איבערגעריסן געווארן — — דער וועג צוריק איז נישט מער מעגלעך געווען! ממש ווי אפגעשלאסן . . .

אז מ׳שרייבט דאס הונט־ליד „וואלדי“ — א פארלוירענער בית־המדרש און שטיבל־בחור אין א דייטש, פארלאזן דארף נאך א שווערן טאג פעלד־ארבעט, שארנדיק מיט דער גראבליע דאס היי, בינדנדיק די בינטלעך מיט די דארף־שיקסעס, בילט מען נישט נאר ווי א הונט קעגן דער לבנה, נאר מ׳רעדט זיך אדורך מיט איר אויג אויף אויג . . . אינמיטן די טראמוואי־צעקלונגענע, יאגנדיקע גאסן. מ׳שרייבט א „דבקות־טאנץ“ — אין „און דו ביסט גאט“, לייפציג, 1924 — איז דאס הינטישע לעבן ליב און טייער — דו דערקענסט דעם גלגול אין אים.

אבער אז מ׳ווערט ראפּטום איבערגעריסן און מען דערזעט דאס לעבן דערצווישן אויף אן אנדערן אופן און נישט נאר מען זעט, נאר מען דערפילט עס — —

צוריק אויפן דארף איז אוממעגלעך געווען. ס׳איז געווען נאכן סעזאן, שוין אריין טיף אין ווינטער. מיך ארומשלעפן אין די טעג ווי א מארק־העלפער



און אין די נעכט אין די קינסטלער־קאפעען, אין די „קאשעמעס“?

און אז ד״ר זוהל זאל אפילו צושיקן אמאל פאר אן „איבערזעצונגל“ . . . וואו האט א הונט א הויז?

כ׳בין עס שוין נישט געוועזן געוואקסן! אויב נישט פארווארצלט אין דעם נייעם לעבן, „קלעטער“ איך א פלאנץ אויף א בלינדע וואנד . . .

כ׳האב געפונען ערד־ארבעט, אבער נישט אין קיין גארטן — אויף א בית־החיים! נישט ווי א קברים־גרעבער — אויף דעם זענען דאס פאכלייכט! שטאבילע אנגעשטעלטע. איך האב באקומען טאג־ארבעט — לויט די שעהן פון די ווינטער־טעג! — צו „שטאמפן“ די שוין פארשיטע קברים, פאר מצבות.

מ׳מוז מיט א שטעמפע פארהארטעווען דאס בערגל־ערד, אז ס׳זאל אויף זיך קאנען טראגן א מצבה־שטיין, א שווערן גראניט־מאנומענט.

דו שטייסט אין „גנוי“ פון מענטשלעכן צעגאסענעם גוף און קלאפסט און „שטאמפסט“ און שטינקסט.

דער הימל איבער דיר איז גרוי, עס טריפט פון אים, ס׳טריפט פון דיר. די גאלד־צעשריבענע גראניט־מצבות ארום קוקן שווארץ אויף דיר, ווי זיי וואלטן זיך געררייצט: נו, נעם און שרייב א ליד — אן אומשטערבלעכס!

ווען נישט דאס אין שטאט דארפיש־פארלוירענע מיידל, וואס כ׳פלעג מיט איר אין די אוונטן אדורכזיצן ביי „אשינגערן“, ביי א שטארקער קאווע, ביי א קופעל ביר, וואלט איך זיכער פארקומען אין יענעם שווערן ווינטער.

ס׳איז געווען דאס האלב־הינקענדיקע, האלב־פארקומענע מיידל, וואס האט מיך נאך דער ארבעט געמאכט ארומוואשן, מיך איבערטוען. אנישט, וואלט איך מיך ארומגעוואלגערט אין די נעכט ביז די „שווארצע מארי“ וואלט מיך מסתם געברענגט צו פירן —

נאר דאס מאל וואלט מען מיר שוין קיין „אויסווייז“ נישט געגעבן. כ׳וואלט אין דער פרי, אן אויסגעשלאפענער, דירעקט פון פאליציי־צירקל געגאנגען אויף מיין בית־הקברות, ווייל כ׳בין שוין געווען א בערלינער בירגער, אן איינגעמעלדעטער און געהאט „שטאבילע“ ארבעט . . .

מיר זענען געזעסן ביי א טישל. זי האט גערעדט, איך האב געשוויגן. דאס איז מסתם געווען דאס שיינע. איז עס געווען די מידקייט? האב איך געטראכט?

„אדם לעמל יולד“ . . . או אינו אלא לעמול בתורה?“

כ׳האב מיך דערמאנט ביי א טישל אין ראמאנישן קאפע א דיסקוסיע מכוח ליבע ווי נאמבערג האט פילאזאפירט: „ליבע איז נישט די שיינע ליאלקע. עס איז דער פארבארגענער מיחוש, אויף וועלכן מ׳קריגט קודם רחמנות . . . דאס מענטשלעכע געפיל, גוט, לאמיר זאגן דאס עסטעטישע, צעמעלה־גירהט עס און ס׳ווערט דאס חן־גריבעלע, דאס פעפערל“ — —

מ׳האט פארשטאנען דעם סוף פסוק. ער האט נישט געענדיקט צי ווייל ס׳איז נישט נויטיק געווען אזוי דייטלעך צו מעלה־גירהן, צי ווייל ס׳איז אים ווער אריינגעפאלן אין די רייד.

איניקע טעג פאר ווינאכטן איז זי נישט געקומען צו גיין. איז זי אהיימ־געפארן אויף די יום־טוב פעריען? גיכער געטראפן א לייטישערן פון מיר; אז נישט, וואלט זי זיך דאך געווען געזעגנט מיט מיר . . .

אין די ווינאכטן־טעג בין איך געווען פריי איך האב מיך געלאזט אין ראמאנישן קאפעע.

ס׳איז געווען ממש ליידיק.

אין קליינם זאאל, דירעקט ביי דער דריי־טיר, אויף דער דריי־געזעג־סיקער האלב־קיילעכדיקער באנק, האב איך דערקענט א באקאנט פנים — אז מ׳זיצט אליין אויף דער באנק וויל מען, אז מ׳זאל זיך צוזעצן . . .

כ׳האב זי דערקענט פון דער צייט פון די צוויי ווארשעווער יידישע מיידלעך — די „באטיק־סטודענטקעס“. איך האב מיך צו איר צוגעזעצט. זי האט זיך דערפריידט מיט מיר. זי האט געהאלטן אין שטריקן א וואלענעם דזשאמפער. זי האט זיך אנטשולדיקט און ווייטער געשטריקט —

זי איז איצט אליין. „איר“ אלטער פראפעסאר, ביי וועלכן זי וואוינט, איז געפארן אויף די ווינאכט־פעריען צו זיינע קינדער.

„מסתם שטריקסטו דעם ווארעמען וואלענעם דזשאמפער פאר אים?“... שמייכל איך ארויסרופעריש.

„א, ניין, דאס איז פאר אן אמתן פריינט“, און איר נישט דווקא גאר שיין פנימל צעשטראלט זיך מיט אזא שיינענדיקער פייערלעכקייט:

„איך וואלט היינט ביינאכט נישט געקומען אין קאפעע אריין, איך וואלט שוין געפונען וואו צו ׳פייערן׳ ווינאכטן, נאר כ׳בין געווען זיכער, אז דער נאימבערג וועט דא זיין ווי אלע יאר אין דער צייט“.

איך דערצייל איר, אז נאמבערג איז געשטארבן.

א נס ס׳קאפעע איז ליידיק געווען; אז נישט, וואלט א צוזאמענגעלויף געווארן — ווי דעמלט, ווען א מיידל האט זיך טאקע אויף דעם דריי־זייט בענקל אין ווינקל פון דער דריי־טיר דערשאסן — ס׳איז א ליבע־פלאץ, א מוכן לפורעניות — אין אזא געיאמער האט זי אויסגעבראכן:

„דעם ווארעמען דזשאמפער מאך איך דאך פאר אים, דעם ארעמען. ווי וואלט ער זיך געפריידט, דער נאימבערג, דער גוטער!“

ווי שיין איז דאס פנימל, ווי ווינאכנדיק־פייערלעך האט עס געשטראלט אין דעם ליידיקן, אויף אלע לעמפ אנגעצונדן־ליכטיקן קאפעע.

— שלוס — אין קומענדיקן נומער —

יוליאן טווים

## צו דעם פאלקס-מענטש

וועז נאך אמאל מיט קלייסטער פרישן,
אויף מויערן קלעבן מ׳וועט אפישן,
צו די בירגער, צו די סאלדאטן,
אלארמירן זיי אויף פלאקאטן,



ווו א גארנישט, ווו א הפקר־יונג,
דרשנ׳ען וועט מיט זיין ליגנער־צונג,
אז מען מוז פון הארמאטן שיסן,
ראבירן, ברענען, בלוט פארגיסן,
ווען זיי וועלן אין טויזנט פאלן,
דאס היימלאנט רופן צו באשיצן,
צוזאגן גאלדענע מעדאלן,
„רעכט היסטארישע“ מ׳טוט באזיצן,
פון טאטעס, זיידעס זייער שטרעבן,
זייער אויסדויער, רום, העלדן־טאטן,
פיל פון זיי פארלירן זייער לעבן,
אין קאמף, מיט פיינטלעכע הארמאטן.
ווען א רב, א גלח, ווי נאר א קלער,
ער וועט וועלן בענטשן דיין געווער,
ווייל ג־אט צו אים, אזוי טוט זאגן,
פארן היימלאנד, מען מוז זיך שלאגן,
ווען עס וועלן זיך ווילד צעברימען,
„גרויסע־קעפ“ אויף די צייטונג־זייטן.

פארשייטע פרויען וועלן בלומען,
אויף זעלנער־קעפ פונאנדער שפרייטן,
און חנפ׳ענען זיי מיט פאלשע רייד,
טייערע פריינט! ווער פון נאענט, ווער פון ווייט,
ווייס! אז אויף אלארם גלעקער קלינגען,
פאר בורזשואן מיט פעטע בייכער,
ווייס, אז זיי ווילן אויכעט דינגען,
אייער בלוט, זיך צו מאכן רייכער,
ווען זיי רופן אייך, — צו דעם געווער —!
מסתמא, איז ערגעץ־ווו, א שטער
שטחים, רייך מיט נאפט, צופארכאפן.
„פארדינען“ פולע זעק דאלארן,
עפעס ערגעץ־ווו, הערט אויף קלאפן,
א צייכן, דראענדע געפארן.
עס איז זיי שווער דאס צו פארדייען,
ווילן זיי צוריק די רעדער דרייען.
קלאפ דיין ביקס אויף די גאסן־שטיינער!
דער נאפט איז זייער? דאס בלוט, דיינער,
פון שטאט צו שטאט אויף אלע שוועלן,
מען זאל דיין מעכטיק קול, קלאר הערן,

רייכע דינגען ? ווּעסט מער נישט ווּעלן,
ווּעמענס קנעכט זיין ? נישט קיינמאל ווערן.

יידיש : יאקוב דזשערגאווסקי

ש. י. גאלדשמידט

# אין זיך און פאר זיך

(צום אנדיינק פון יעקב גלאטשטיין, ע״ה)

ווו האט איר א מעטער־מאס צו מעסטן דיכטונג. און ווער קען זאגן וואס איז גרויסע דיכטונג און וואס איז ניט־אזוינע גרויסע דיכטונג. ארכי־מעדעס האט געזאגט : „גיט מיט אן אנשפאר און איך וועל אויפהויבן די וועלט״. גיט מיר א מעטער־מאס צו מעסטן דיכטונג און איך וועל אייך זאגן ווער עס איז א גרויסער דיכטער, און במילא עפענען א טיר צו דער מענטש־ליכער נשמה.

אבער עס איז אמת צו זאגן, אז יעקב גלאטשטיין איז געווען א דיכטער פון ג־אט׳ס חסד, וועלכער האט געפונען אן אפקלאנג אין דעם יידישן לעזער און אים געגעבן עלית־נשמה. ער איז אויך געווען א פיינער עסייאיסט און דערציילער. זיין טראגעדיע איז געווען וואס ער האט ניט געהאט גענוג יידישע לעזער. ער האט געהערט צו דעם דור פון נאך־פרץ און אש, נאדיר און רייזין, ליעסין און לוצקי. ער האט געזען מיט זיינע אייגענע אויגן ווי זיינע לעזער זיינען אומגעקומען און ער האט געשריבן די קינה, צוזאמען מיט אנדערע יידישע און העברייאישע דיכטער פון זיין דור. ער איז געבליבן אליין מיט אפאר חסידים, געציילטע לעזער און פריינט — און דער עיקר אן א צוקונפט. ער האט געזען ווי די יידישע שולן זיינען פארמאכט געווארן אין מערב. ער האט ניט געוואלט משלים זיין מיט דעם געדאנק, אז יידיש איז געקומען צו איר סוף. ער האט ניט לאנג פאר זיין טויט מיט מיר פאלעמיזירט און איך האב אים געדארפט זאגן דעם אלטן פסוק : „אני מדבר אליך דברים של טעם ואתה אומר לי מן השמים ירחמו״ . . . (איך רייד מיט דיר זאכליכע רייד און דו זאגסט מיר אז עס וועט געשען א נס). קיין נסים געשעען ניט מיט שפראכן. אז מען לערנט זיי ניט און מען רעדט זיי ניט — שטארבן זיי אפ. מיר האבן ג־אט צו דאנקען העברייאיש און גלאטשטיין האט עס געוווסט, אבער ער איז געווען א יידישער דיכטער, א מחדש אין דער שפראך, א מיטארבעטער אינעם „טאג־מארגנזשורנאל״ — שוין אויך אויפן העולם־האמת — און ער האט געזען ווי אזוי ער איז געבליבן ניט נאר „אין זיך״ ווי עס האט געהייסן די דיכטער־פליאדע, וואס ער האט אמאל געפירט, נייערט אויך „פאר זיך״ — איינער אליין.

אבער ער איז געווען ניט נאר א דיכטער פון חורבן; און אין דעם שטעקט די נחמה. ער איז אויך געווען א דיכטער פון גאולה :



„מיר זיינען דיר נאכגעגאנגען אין דער וועלט,
קראנק געווארן מיט דיין וועלט,
ראטעווע זיך און קום מיט די עולים
צוריק צו א קליין לאנד,
ווער ווידער דער יידישער ג־אט״. .

דיכטער זעען אפטמאל בעסער איידער פראזאאיקער, און זיינען בכוח צו סומירן א סיטואציע אין עטלעכע שורות. ווו מיר דארפן א לייטארטיקל, דארפן זיי איין פערז. יעקב גלאטשטיין האט פארויסגעזען דאס פראבלעם פון עליה פון רחמותדיקע לענדער איידער די ציוניסטישע פירער האבן עס אפגעשאצט. אין 1950 האט ער געשריבן אין א ליד :

„צווישן אלע פליטים פון נויט און פון מאטקייט
וועלן קומען די לעצטע,
די פליטים פון זאטקייט.
זיי וועלן קומען זיך צערן
ביזן יידישן ביין.
זיי וועלן זיין די אפווארטערס,
וואס וועלן האנדלען מיט פארשטאנד,
זיי וועלן שיקן מרגלים אין יידישן לאנד,
און ביז מען וועט זיי ניט ברענגען,
שווארץ אויף ווייס פון דארטן א שריפט,
אז דער מילך און האניק האט זיך שוין צוטריפט,
וועלן זיי ווארטן . .

דוד בן גוריון האט דאס זעלבע געזאגט אין דעם זעלבן יאר אבער מיט אן אנדער נוסח. פאר סטיל—גיט מיר יעקב גלאטשטיינען.

גלאטשטיין איז געשטארבן מיט 75 יאר. ער האט אונז געהאלפן באוויינען דעם חורבן און ער האט אונז געהאלפן זיך פרייען מיט דער תקומה פון מדינת ישראל. ער גייט אריין אין פאנטעאן פון אונזער ליטעראטור אויף אלע דורות. עס איז ניט געווען קיין שולד וואס ער האט ניט געהאט מער לעזער. ער האט זיי פארדינט, אבער זיי האבן אים ניט געקענט. דאס איז דער גורל פון אונזער דור המדבר. זיינע יורשים וועלן שרייבן העברייאיש. מיר דארפן זארגן זיי זאלן אים ניט פארגעסן, לכל הפחות אין א העברייאישער איבערזעצונג. אויף זיין פרישן קבר האט מען געלייענט זיינעם א ליד. קיין בעסערן הספד קען א דיכטער ניט האבן !. . .

## מזל־טוב

דעם באקאנטן חזן און ווייטשעפל **דוד פרידמאן** און זיין פרוי די מאלערין **חיה**, ווינטשן מיר א הארציקן מזל־טוב צו דער חתונה פון זייער זון **יוסף** מיט **יפה** — א סך גליק און נחת.

„לשון און לעבן״

## דער לערנער פון ליטע

ער אנט אין וואך־טרוים א סטעזשקע, שטיל און זויבער,
וואס פירט צום פארהאפטן לאנד, געהיים און ווייט,
ער זעט א טעמפל־טורעם אין בלויען ליכט פארצויבערט,
ער נעמט זיין פרום און גלייביק הארץ און גייט.

אן שלאף, אן אפדאך, אויף דעמער־שיין נסיעה,
ער שפאנט אויף זיג־זאג וועגן, שטייניק, קרום,
זיין פעסטער טראט צעאקערט תהומות פול מניעה,
ער פאלט פון בערג אין גריבער און קומט ניט אום.

אין וואך מיט גלי, וואס צעצינדט דעם וואנדלערס דראנגען,
א שלעפער אין טראנטעס, פארלאכט, פארפלוכט,
באהארצט צעטרעט די פינצטערע נסיון־שלאנגען,
אין ס׳טורעם־ליכט, זיין סנה, אן אפשטעל זוכט.

די סטעזשקע פארדארנט אלץ טונקלער, ענגער,
דער טעמפל גרויט ביי שטעזשקעס ווייטסטן ענד,
מיט שטן יאוש דאס שווערע הארץ איז שווענגער,
פארלוירענער וואנדלער פאלבט די בעטנדיקע הענט.

(עס שלאפט זיין תושב־שטאט אויף שווערע אויערן,
דורך שלאס און פענצטער בלאזט מיט קאלטן חשד,
אין בעט פון אייז פון שווייגן איינגעפרוירן,
פארדרימלען זיינע פריינד מיט זיקנה זאט).

ער וואלט געמידן דער סטעזשקעס שפיזן־דערנער,
אין געטאנצט מיט יונגע, גרינגע טריט — —
עס בעט און זינגט אזוי אין אים דער תורה־לערנער,
אין נאר צום טעמפל־ליכט אים ציט און ציט.

איף מידן שטעג אן שטערן, נעכט פון ספקות דראען
פארלעשן דאס דינסטע שטרייפל האפענונג־שיין,
עס ווייסט זיין הארץ און שווערט: אין די לעצטע שעהען,
וועט העל זיין טריט אויף מזלדיקער סטעזשקע גיין.

אין ס׳בלאזט דער ווינט פון מוט אויף זיינע לענדען,
אין יינגער אטעם שטארקט זיין יעדער הארצנס שלאג.
און ווידער: נעכט אן אייגן שפרייזן, אהין־אהער זיך ווענדן,
אין ווו איז, ווו, דער אויסגעלייזטער טאג . . .





## וועגן ד״ר שעפלער

א גאר פיינע שמחה איז געוועזן אין רעקס־הויז דינסטאג, דעם 19טן פעברואר, לכבוד דעם בעל־היובל און ציוניסטישן וועטעראן, ד״ר שעפלער. אחוץ דעם רעספשאן, וואס איז גראד אויסגעפאלן אין פורים, האט דער עולם נאך געהאט א גייסטיקן גענוס פון די באוואוסטע ציוניסטישע פירער, וועלכע האבן באגריסט דעם בעל־היובל.

עס גענוגט שוין צו דערמאנען בלויז די נעמען ווי לארד דזשאנער, ד״ר לעווענבערג, יעקב האלעווי, אייזיק מילער, דאנאלד סילק, פרויען בארוויל, פרענקל און אנדערע.

יעדער האט אויף זיין אופן ארויסגעבראנגט די עמאציעס, איבערלעבונגען ביי דער לאנגיאריקער צוזאמענארבעט מיט דער פערזענלעכקייט פון ד״ר שעפלער, וועלכער איז אזוי טריי און איבערגעגעבן דעם ציוניסטישן אידעאל.

באזונדערס איז וויכטיק דא אנצואווייזן ווי מר. נאטאני האט אויף זיין אופן אזוי הארציק באגריסט אין יידיש דעם בעל־היובל, ווייל ד״ר שעפלער געהערט נאך צו די יעניקע, וועלכע זענען פארבונדן מיט יידישער ליטעראטור, יידיש־לשון און דעסגלייכן.

דערפאר איז דא ווערט צו דערמאנען ווי דער בעל־היובל האט ביים דאנקען אלע פאר די גוטע וואונטשן באזונדערס זיך אפגעשטעלט אויף די גייסטיקע פארבינדונגען מיט די פערזענלעכקייטן ווי ד״ר לעווענבערג, ד״ר מייטליס, לארד דזשאנער און אנדערע אויף דעם געביט פון יידישער ליטע־ראטור, יידישער קולטור.

איך מיר שליסן זיך אן אין די גוטע וואונטשן פאר דעם בעל־היובל און יידישן קולטור־טוער, ד״ר שעפלער. און ווינטשן אים אריכת־ימים מיט זיין ליבער פרוי און פאמיליע און כוחות ווייטער אנצוגיין מיט זיין וויכטיקער געזעלשאפטלעכער טעטיקייט.

יידישער וועלט־קאנגרעס (יידישער קאמיטעט) און יידישער
זשורנאליסטן און ליטעראטן פאריין

**יידיש און העברייאיש אין סאוויעט רוסלאנד**

**זונטיק, דעם 26־טן מערץ, 1972, פונקט 3 א זייגער**

* * *

| | |
|---|---|
| דער אויפשטייג פון העברייאיש אין רוסלאנד | ש. גאלדשמידט |
| ציוניזם און קאמוניזם | ד״ר מאיר גערטנער |
| יידיש קולטור נאך סטאלין | יואל צאנג |

פארזיצער: יוסף פרענקעל

איינטריט פריי — קומט אין צייט

## דאס פייגעלע און שטייגל

ווערטער הירש אשעראוויטש, מוזיק מאיר באגדאנסקי

אויב דו וועסט ארויסלאזן דאס פייגעלע פון שטייגל,
וועט ניט הייסן, ס׳איז דאס שטייגל פוסט.
ס׳וועט די פרייהייט צוזעצן זיך ערגעץ אויף א צווייגל
און זי אטעמען וועט אין דיין ברוסט.

זאל דאס טירל אויפגעריסן — אויפן ווינט זיך וויגן.
ריגל איז א מערדעריש געצייג!
און געזאנג וואס קומט פון א געפענגעניש איז א ליגן,
פארבלאז איז די פארביקייט אין שטייג.



דער גוט-באקאנטער פאעט אברהם זאק, אויף זיין נסיעה פון בואנעס־איירעס קיין ישראל וועט פערוויילן איניקע טעג אין לאנדאן—מיר זאגן דעם חשובן גאסט א ברוך־הבא.

א שבת־נאכמיטאג איז געווען געווידמעט לכבוד דעם בוך דער „צדיק פון מיראנדא“, פון י. ה. קלינגער.

אין בית שלום עליכם אין תל-אביב איז אויפגעהאנגען געווארן א טאוול לזכרון פון פאעט י. ה. לעווי.

אין בן אורי דער אוונט „יידיש מאמע-לשון“ איז געווען א גרויסער דערפאלג.

מיטוואך, דעם 19׳טן אפריל, 7 אזייגער אין אדלער־הויז דער יזכור־אוונט פארן ווארשעווער געטא־אויפשטאנד.

צו דער ערשטער יארצייט פון שרייבער, יעקב ריכטיגער, ווערט דער נפטר, א טאג פאר ערב פסח אריבערגעפירט קיין ישראל דארטן צו קומען צו דער אייביקער רו׳

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 5־4 (העפט 9־398) 33־סטער יאר אפריל־מאי 1972, לאנדאן

רעדאקטירט א. נ. שטענצל

פרייז 10 פענס

א י נ ה א ל ט :


19׳טער אפריל 1972, ל״ג בעומר, לכבוד שבועות תשל״ב, צום פיפטן יאר
ירושלים השלימה ...... *** 3
צום יארטאג פון אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא, ...... מאיר באגדאנסקי 9
1943 דער 19׳טער אפריל 1972, ...... אסתר ערלעכמאן 11
נישט פאר מיר די בלומען (דריי לידער) ...... עלא זילבערג 13
אילוזיעס, אילוזיעס, אז מ׳ווערט פינף און זיבציק (פאעזע און פאעזיע), א. נ. שטענצל 15
א ליבער יום טוב ל״ג בעומר, ...... שמעון וויינשטיין 25
מיין מאמע (ליד) ...... רות באכנער 28
די אוצרות פון טוטאנקאמאן, ...... דוד בערמאן 29
יאנקעל צימבאליסט (א קאפיטל פון פאן טאדעאיש) ...... אדאם מיצקעוויטש 31
א ז״דע צום איניקל, מיין אייגענער חבר, גוטסקייט ווי ביסטו (לידער) פייוול זיגלבוים 35


לאנדאנער קולטור־ידיעות

יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס — יעדן שבת 3 אזייגער אין בערנארד באראן סעטלמענט, הענריקעס סטר. א. 1.

אונזער הארציקן מזל-טוב ח. נ׳ בענקוויטשן צו זיין פינפטן אור־אור איניקל און שלמה דזשאקאווסקי און פרוי צו זייער צווייט איניקל.

פריינט יוסף גרינבערג צו זיין 75׳סטן געבוירן יאר ווינטשן מיר—עד מאה ועשרים—

מזל טוב צו דער חתונה פון מייקל אייזעק בענטלי מיט העלען גראנט — א גליקלעך און פריילעך לעבן!

א. נ. שטענצל

עלא זילבערג ווינטשט א. נ׳ שטענצל פיל געזונטע צופרידענע יארן. ער זאל דער־פרייען זיינע לעזער מיט זיינע נשמה־לידער.

אבאנאמענט־פרייז:—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד:—8 דאלאר א יאר

מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע:־
7 GREATOREX HOUSE, GREATOREX STREET, LONDON, E.1, ENGLAND


*Published and Edited by* A. N. STENCL, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1.*